STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00059

ALE VERK FUN AVRAHAM REYZEN

Abraham Reisen

•

Permanent preservation of this book was made possible by
Mark & Evelyn Kanter, Dr. Hyman H. Parrell & Rose Parrell
in memory of
Max & Sarah Pogorelsky

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



אַלע ווערק
פון
אַברהם רייזען.
אין 12 בענדער.

יובילעאום אויסגאַבע.

אַברהם רייזען.

ליעדער

ערשטער באנד.

ארויסגעגעבען פון פערלאג „אידיש“
1917 ניו־יאָרק, תרע״ז.

Copyright, 1916
by
YIDDISH

*   *   *

די דאָזיגע צוועלף בענדער אונטער'ן טיטעל „אלע ווערק“ איז די ערשטע פאָלשטענדיגע זאמלונג פון דעם אלעם, וואָס איך האָב געשריעבען אין פראָזע און פערזען אין פערלויף פון פינף און צוואנציג יאָהר (1891 — 1916).

אויב דער בקי אין דער אידישער ליטעראטור בכלל און פון מיינע שריפטען בפרט, וועט זיך כאַפּען, אַז איהם פעהלען איי־ניגע זאכען, בעט איך איהם ער זאָל מיר ענטשולדיגען: דערפאר בעט איך שוין אויך ענטשולדיגונג ביי דעם יעניגען, וואָס וועט געפינען איינִיגע זאכען פאר איבעריג.

געוואָלט האָב איך צוזאמענשטעלען מיינע ערצעהלונגען און ליעדער לויט'ן כראָנאָלאָגישען סדר, ווי עס פיהרט זיך דאָס רוב ביי פאָלשטענדיגע אויסגאבען. אָבער צוליעב די פערשיע־דענארטיגקייט פון די מאָטיווען און סיטואַציעס, וואָס מיינע ליע־דער און ערצעהלונגען ענטהאַלטען, וואָלט א כראָנאָלאָגישע אָרדע־נונג געווען ניט בעזונדערס צוועקמעסיג. אַ ערצעהלונג פון אידי־שען לעבען אין דער אַלטער היים וואָלט אויסגעקומען צו שטעהן בשכנות מיט א בילד פון אמעריקאנער לעבען און פון אַזאַ נאָהענטקייט פון צוויי ווייטע וועלטען וואָלטען מיינע ווערק, לויט מיין מיינונג, געליטען אין האַרמאָניע.

דערפאר האָב איך ביי'ן צוזאמענשטעלען די צוועלף בענ־דער, געהאלטען זיך מעהר לויט'ן אינהאלט, אָרט און עפּאָכע. אין די ערשטע בענדער געהען אריין די ערצעהלונגען פון דער אַלטער וועלט, אין די ווייטערדיגע בענדער — די ערצעהלונגען פון דער גרויסער שטאָדט און יענע ערצעהלונגען, וואָס טראגען אַן אלגעמיינעם כאראקטער. אין די נאָך ווייטערדיגע בענדער געהען אריין יענע, וואָס איך האָב געשריעבען פון אמע־ריקאנער לעבען, א. אז. וו.

אויף אזא'ן אופן געפינט דער לעזער אין ערשטען באנד די ערצעהלונג „אמאליגע מענשען", וואס איז געשריבען געוואָרען מיט א יאהרען צוריק, נעבען אן ערצעהלונג „דער עיבור", געשריבען מיט זעכצעהן יאהר צוריק, א. ד. ג.

דאס זעלבע געשיהט אויך מיט די דריי בענדער ליעדער, וואס געפינען זיך אין די דאזיגע צוועלף בענדער פון „אלע ווערק", — כאטש שוין אין א קלענערער מאס.

אבער אום צופריעדענצושטעלען די נייגיערדע פון דעם לעזער איז דער פערלאג „א י ד י ש" אזוי פריינדליך געווען צוצודרוקען ביי'ן סוף פון 12טען באנד אן א י נ ה א ל ט פ ע ד צ י י כ נ י ס פון אלע ערצעהלונגען און ליעדער, וואס קומען אריין אין די אלע צוועלף בענדער ל ו י ט א כ ר א נ א ל א ג י ש ע ן ס ד ר.

מורא האבענדיג אריינצופאלען אין א טאן פון אן הקדמה, וואס דאס איז היינט ניט שטארק אין דער מאדע, שליעס איך דעם דאזיגען פארווארט מיט דער פערזיכערונג, אז כאטש די דאזיגע זאמלונג פון מיינע ווערק טראגט דעם שווער־קלינגענדען נאמען „יובילעאום אויסגאבע", וועלען דאך די לאנגע צאהל יאהרען, וואס שטעהען הינטער מיין ליטערארישער טהעטיגקייט ניט שטערען מיר צו שאפען מיט'ן זעלבען פליים, ווי ביי'ן ערשטען ליעד, מיט פינף און צוואנציג יאהר צוריק, ווען איך בין נאך געווען כמעט א אינגעל און געקוקט מיט גלויבען אין דער צוקונפט אריין... און אפשר דערפאר האב איך ניט צוזאמענגעשטעלט מיינע ווערק כראנאלאגיש...

א ב ר ה ם ר י י ז ע ן.

ניו־יארק, אויגוסט, 1916.

דאס לעבען צירהט

דאָס לעבען ציהט.

דאָס לעבען ציהט זיין אלטען ניגון —
עס דאַרשט דאָס האַרץ נאָך עפּעס נייס;
אָ, טראַכט מיר אויס א נייעם ליגען —
איך צאָהל דערפאַר דעם העכסטען פּרייז.

ווי אויסגעטראָטען אַלע וועגען!
און אַלע שפּורען, ווי בעקאַנט:
ווי וואַלסטו וועלען בלאָנזשען, פרעגען:
וואו איז דער וועג צום נייעם לאַנד?

עס דאַרשט דאָס האַרץ נאָך נייע קוואַלען,
א ווייטע לוסט אין ד׳ אויגען ברענט!
ווי וואָלט צו זיי איך צוגעפאַלען
און אויסגעשעפּט זיי מיט די הענט!

די זיידעס אונזערע, זיי פלעגען
זיך שאַפען ליגענס אַלערליי —
דאָך ווער פלעגט צווייפלען זיך דערוועגען
און ווייט געווען האָט עס זיי!

דער ווייטער קוואַל פון „אייביג־לעבען" —
געגלויבט האָט יעדערער דערין,
און אויב געגלויבט איז שוין געוועזען —
מען ברויך נאָר זוכען: וואו — וואוהין?...

און אייער „וואַרהייט“ איז אויף אייביג,
און ס'ווייסען זי פֿון גרויס ביז קליין,
דאָך אַלע וועגען שמאָל און שטויביג
און שטאָט א קוואַל, געפֿינסט אַ שטיין! . . .

ווען דו געהסט אמאָל פערביי.

ווען דו געהסט אמאָל פארביי
יענע גאַס און יענע הויז,
וואו דו האָסט געוואוינט שוין לאַנג,
ווערט דיר אומעטיג און באַנג!

יענער צימער אין דער מיט
דיינער איז געוועזען דאַן!
דו דערקענסט די פענסטער צוויי —
פרעמד געוואָרען זיינען זיי!

דאַ געשטאַנען איז דיין בעט,
דאָרט געשטאַנען איז דער טיש;
אנדערש איז געשטעלט דאָרט איצט,
אויף דיין שטוהל אַ פרעמדער זיצט.

קוקסט די מענשען אויף דער גאַס,
אַלע זיינען אונבעקאַנט.
נייע שכנים אין דעם הויז —
זעהען בייזע, פרעמדע אויס...

און די קינדערלעך ביים טיר
שפּיעלען זיך נאָך איצטער אויך;
אַך, דאַס דאַכט זיך דיר נאָר אויס,
יענע זיינען איצט שוין גרויס...

מערקט דיך איינער און ער פרעגט:
זוכט איהר וועמען דאַ אין הויז?

ענטפערסט: כ'האָב דאָ זעלבסט געוואוינט —
קוקט ער אָן דיך ווי ערשטוינט.

ער פערשטעהט ניט, אז מען קען
זוכען זיך אליין אין הויז
וואו מען האָט געוואוינט נאָך ווען
און מען וויל זיך ווידער זעהן.

טעג.

טעג — זיי זיינען גלייך צו מענשען,
און זיי לעבען און זיי שטארבען . . .
זומערס ערשטע טעג — ווי קינדער
זיינען זיי מיט זייער שמייכלען.

איך האָב ליעב די קליינע קינדער
און די ערשטע טעג פון זומער —
ווייסען גאָר ניט פון געוויטער
און זיי שפּיעלען אזוי פריידיג.

ערשטע טעג פון הערבסט ! א, בלייבע !
ווי בעליעבט זיינט איהר מיין הארצען !
און ווי ריהרט מיך אייער שמייכעל,
וועלכער פאלט אויף הוילע פעלדער.

כ'זעה אין איהם דעם זין פון לעבען :
אלעס מוז זיין ענדע האָבען,
און דער זומער און די יוגענד —
וואָס עס בליהט מוז אויבעט וועלקען . . .

גליק.

ווי ס'קומט נאר אראפ דא
דער מענש אויף דער וועלט
אזוי איז פאר איהם שוין
זיין גליק דא בעשטעלט.

עס איז ניט קיין שטיקעל,
עס איז ניט קיין שטיק:
א יעדער בעקומט דא
א גלייכען טייל גליק.

קיין איבריגע גליקען
איז קיינמאל פאראן.
איין חלק פאר אלע,
פאר ווייב און פאר מאן.

ביי'ן מענשען די אויגען,
זיי זיינען צו גרויס,
ער קוקט אויף א חלק
א צווייטענס גאר אויס.

ער זוכט און ער נישטערט
און האט נישט קיין רוה,
ביז וואנען ער גנבה'ט
א צווייטענס טייל צו.

ער לויפט עס בעהאלטען,
ברעכט האלז און געניק,
און וועט אויך פערלירען
זיין אייג'נעם טייל גליק...

צייט-מאָטיוו.

מיר האָבען זיך אַלע איצט פיינד
און האַלטען זיך בלויז אין איין קריעגען.
צי איז דען פון ליעבע דאָס ליעד
געוועזן גאָר פון אָנפאַנג א ליגען?

און אפשר גאָר זיינען מיר פאַלש,
אויך איצט אין דעם האַס אין דעם טיעפען,
דערפאַר ווייל מיר זיינען פערפרעמדט
און האָבען זיך נאָך נישט בעגריעפען.

דאָך כאַפּען צוריק איז שוין שפּעט,
מיר זיינען צו ווייט שוין פערגאַנגען,
און קענען ניט מעהר שוין צוריק
די הענד איינע ד'אנדערע דערלאַנגען...

אין וועג.

איך זוך שוין אין לעבען קיין וועג,
מיר דאכט שוין : דאָס בלאָנזשען איז ריכטיג ;
איך בענק שוין ניט מעהר נאָך דער זון —
א שטערענדעל מאכט מיר שוין ליכטיג.

איך זוך שוין קיין פּאַלאַץ אין וועג,
מיט צעהנדליגע צימערן, טירען,
וואו בת־מלכה׳ס, עדעל און שטאָלץ,
פון איינעם אין צווייטען שפּאַצירען.

א הייזעלע זוך איך א קליינס,
ווען ס׳הויבט אָן אין וועג פּלוצים רעגענען
און זאָל דאָן א פריינדליך געזיכט
ביי׳ן עפ׳נען די טיר מיך בעגעגענען . . .

א שטיבעל א קליינס און א טיש. . .
א ליעדעל פון ווינד און דעם קוימען,
און זיצען זיך רוהיג און שטיל
און טרוימען פארגעסענע טרוימען . .

דו ביזט ווי א רויז.

דו ביזט ווי א רויז צווישען דערנער,
ניט זעהן עס, בעדארף מען זיין בלינד;
דאך לאז איך דיך, מיידעל, א קאלטער —
מיין הארץ בענקט נאך דערנער אצינד.

א רויז — וואס־זשע קענסטו מיר געבען?
דיין דופטען? אך, דאס שטערט מיר גראד!
דיך אפרייסען? פלאגט דאס געוויסען,
דיך נעהמען אין האנד — איז א שאד.

בעליידיגט א רויז! און עס וועלען
בעריידען מיך לייט אין גאנץ שטאדט
און וועל ווי א קין דערנאכדעם
געיאגט זיין פון מענשען און גאט.

דו וועסט אין מיין צימער פערוועלקען
גאנץ שנעל, אין א טאג אדער צוויי,
און טראגען וועל איך אין מיין הארצען
א שטענדיגען אומעט און וועה.

די געזוכטע ליעבע.

איך וואָלט זיך פערליעבען
אויך אמאָל געוואָלט,
ווי אין בוך געשריעבען,
ווי אין בוך געמאָלט:

אין א שמאָל אלעע
און פון בוימער שווארץ,
זאָל איך זי בעגעג'נען —
קלאפען זאָל דאָס הארץ.

איהרע טריט געמאָסטען,
איהר פיגור איז שלאנק:
און ווי איינגעזיעגעלט
האָט זי מיין געדאנק.

כ'וויים גאָר ניט איהר נאָמען,
און אויך ניט איהר שטאם,
און אין הארצען ברענט שוין
מיר א ליעבעס־פלאם!

וואָכען, לאנגע וואָכען
געה איך פון דער פריה
אלץ אין יענעם גארטען —
צו געפינען זי.

יאָהרען, לאַנגע יאָהרען,
געהען שנעל פאַרביי,
און איך זוך זי אימער,
אימער אויף דאָס ניי . .

און עס וועלקט דער גאָרטען
און צוריק ער בליהט,
און איך זוך זי ווידער,
און געפין זי ניט.

מיינע האָאר שוין גראָה באַלד
איך פערגעס, פערגעס ;
זוך זי יעדען פריהלינג,
כ'וואַרט נאָך אויף א נס.

אַך, נאָר דאָס איז ליעבע,
אייביג זוך זי, זוך,
ווי עס ווערט בעשריעבען
אין אן אלטען בוך...

דער זיעגער.

א, זייט נישט מקנא דעם העלד
וואס האט ענדליך געזיעגט,
און זייט נישט מקנא זיין קראנץ
צום סוף, וואס ער קריעגט.

עס זינגען איהם פרויען א ליעד —
עס קלינגט אזוי זיס...
און בלומען מען שפרייט און מען ווארפט
צו איהם צו די פיס.

און ס'חלום'ען ליעבע צו איהם
די פרויען פון לאנד,
און ס'חולם'ט די שעהנסטע צו איהם
און ציהט אויס איהר האנד.

און ס'הערשט נישט קיין נייד מעהר פאר איהם,
און מעהר קיין פערבאט;
און ענדליך איז ער שוין קיין מענש,
ער איז שוין א גאט...

ווי איינזאם! א גאט אויף דער ערד...
די שטראף אזוי הארט!
ער בלייבט, ווי אין הימעל זיין פריינד,
אין פאלאץ פארשפארט...

זעקס מיליאָן מענשען.

זעקס מיליאָנען מענשען
לעבען אין דער שטאָדט.
אויסגעצעהלט אויף ריכטיג —
די סטאַטיסטיק האָט.

און איין צייל פערנעהמט עס
אין דעם בלאַט, נישט מעהר;
איבערלעזען איז עס
איבעריגס ניט שווער.

ס'איז נאָר א סטאַטיסטיק
פון א טרוק'נעם מאַן;
אין די זעקס מיליאָנען
בין איך אויך פאראַן . . .

און דער אָרמער היימאַן
און דער רייכער שיף —
אַלעם געהט אין חשבון,
אַלעם — איין בעגריף . . .

געה איך אום שפּאַצירען
אין דער טיעפער נאַכט:
„זעקס מיליאָנען מענשען" —
האָבען מיך פערטראַכט.

שטיל אין אַלע גאַסען,
אַלץ אין טיעפע רוה ;
(נאָר א ווייטער טראַמוויי
קלאַפּט נאָך ערגעץ וואו...)

זעקס מיליאָנען מענשען.
ווער זשע זיינען זיי. —
יעדער מיט זיין שמחה,
יעדער מיט זיין וועה ?

זעקס מיליאָנען ליידען
האַלט די נאַכט אין שוים,
זעקס מיליאָנען ליעבעס —
ליעבעס שטאַרק און גרוים.

זעקס מיליאָנען מענשען
האָבען מיך ערוואַכט ;
כ'בענש זיי אין דער שטילקייט,
ווינש זיי : גוטע נאַכט ! . . .

שטיל און אומעדיג.

שטיל און אומעדיג און שפעט . . .
הארץ מיינס, וואס האסט' זיך צורעדט . . .
אלע מענשען שלאפען לאנג —
וואס־זשע וואכסטו, מיד און באנג ?

שא, דו האסט זיך ווי דערפרעהט . . .
האסט געמיינט אז יעמאנד געהט.
קיינער געהט ניט, נאריש הארץ,
קוק אין פענסטער : שטיל און שווארץ !. . .

שטיל און אומעדיג און שפעט . . .
הארץ מיינס — וואס האסט' זיך צורעדט ?
ועמען ווארסטו ? זאג מיר, זאג —
אויף דעם אקומענדען טאג ? . . .

ער וועט קומען, נו, איז וואס ?
וועט ער ברייננען נאך פערדראס . . .
וואס־זשע ווארטסטו גאר אומזיסט ? —
הארץ מיינס, ווי פערנארט דו ביזט ! . . .

די רויז.

עס בויגט זיך א רויז אויפ'ן טישעל
פון קריגעלע וואסער ארוים;
זי דופטעט, זי בליהט נאך, דאך פיהלט זי,
אז באלד און ס'וועט זיין מיט איהר אוים . . .

מען האט זי ניט לאנג אבגעריסען
פון גארטען, פון שוועסטערלאך פיעל;
זי האט זיך געשפיעלט דארט מיט שטראהלען,
אין אווענד — מיט ווינטעלאך קיהל!

א שמעטערלינג קומט איהר בעזוכען,
אין פארבען די שעהנסטע בעציערט;
ער פלאטערט ארום און ער זוזשעט,
און ענדליך א שמועס פערפיהרט.

ער האט באלד געהאלזט זי, געצערטעלט,
און אט — און ער זויגט שוין איהר זאפט . . .
זי האט זיך געשעמט, דאך געשוויגען,
עס האט איהר פערגעניגען פערשאפט...

דערנאך איז דער שמעטערלינג ליעגען
געבליעבען, ווי שכור פאר גליק.
א צווייטער, נאך יונגער און שענער
קומט אן, און דאס זעלבע צוריק . . .

פערמעגט האָט זי ליעבע פאַר אַלע —
זיי זיינען געוועזן אזוי שיין . . .
איצט ווערט זי מיט וואסער געמינטערט,
דאָך וועט זי אָהן ליעבע פערגעהן . . .

זי און דער טרוים

אָך, וואו איז זי, העניע, אַצינד —
דאָס ליעבע, דאָס גאָלדענע קינד ?
איך האָב זי געליעבט א וואָך צוויי,
דאָך בענק איך עד היום נאָך זיי . . .

נאָך זיי, נאָך די וואָכען די צוויי,
זיי טהוען מיר איצטער נאָך וועה . . .
איך היט זיי ווי א גאָלדענעם טרוים —
און העניען — געדענק איך קוים־קוים.

אַלע

אַלע זיינען פריינד מיט דיר
ווען דיין מזל שטראַהלט,
אַלע פריינד פערלאָזען דיך,
ווען דיין שטערען פאַלט.

בלייבסט אַליין אין פינסטערניש —
און גאָר אונגעריכט
מערקסטו : אין דיין אייגען האַרץ
געהט דיר אויף א ליכט ;

מערקסטו ווי דאָס גליק קלאַפּט אָן
ווען דו ביזט אַליין,
און ווי ס'איז געוועזען דאָן
יענער שטערען קליין.

און געפינען ווען דו וואָלסט
איהם צוריק דערנאָך,
וואָלסטו איהם ניט אויפהויבען —
דען צו וואָס דעם יאָך ?...

אויפ׳ן ים.

1.

ווי א בייזע צווייטע מאַמע
וואַרפט דער ים מיין שיף — די וויעג;
וועלכע בייזע ליעדער זינגט ער,
ווי עס איבעלט — קוים איך ליעג!

ווי א בייזע צווייטע מאַמע
וואַרפט ער אום מיין וויעג און שעלט;
דאָך ער וועט מיך ניט פערוויעגען,
כ׳ חלום פון א נייער וועלט!

כ׳ חלום וואכענד — רוהיג ליעג איך
אין מיין נייער וויעג און שטום,
עפּיס ביינקט זיך, נאָר איך וויין ניט —
פאר׳ן ים א טרער — ווי דום!

.2

בייזע ליעדער זינגט דער ים מיר,
זיינע וועלען — ווי זיי זידען !
ווי ער וואלט גאר מיט מיין רייזע
ניט אין גאנצען זיין צופריעדען.

„וו'היין געשלעפט זיך — נע־ונד'ניק ?
ווענין אין דער וועלט געפאהרען ?
ניט געקענט א ווינקעל קריעגען
פאר אזוי פיעל לאנגע יאהרען ?

ניט געקענט א ווינקעל קריעגען,
ניט געקענט א הויז זיך בויען ? !
ווענין גליקען האט דיין היים נאך,
ווענין גיעבט דארט ליעבע פדרויען ?

וואס־זשע טרייבט דיך, וואס־זשע יאגט דיך ?
אין דער וועלט אלץ ווייט און ווייטער ?
זוכסט אלץ נייע ברייטע הימלען,
מיינסט אז דארטען איז עס הייטער ?"

און איך הער עס און איך שמייכעל,
האלט מיך איין קוים פון געלעכטער
און איך פייף א ליעדעל אונטער,
ווי א מופקר, ווי אן עכטער.

צום ים.

אָ, נעהם מיך אויף, דו ברודער — ים !
איך קום צו דיר צוריק !
די שוועסטער ערד איז זיכערער, —
דאָך האָט זי ניט קיין גליק.

אויך דו פערמעגסט עס ניט, דאָך שעהן
ביזט דו און שטארק און גרויס,
און וואס דו טראכסט און פיהלסט, ווי איך
אין שטורעם זאָגסט עס אויס.

צום דיכטער.

מעג דער וואָלקען זיין ווי גרויס,
און דעם הימעל גאַנץ פאַרדעקען,
איז דער רעגען ניט אין שטאַנד
צו בעגיסען ווייטע שטרעקען.

גרויס די ערד און גרויס די צאָהל
פון די גערטענער און בלומען;
איז דער רעגען דען אין שטאַנד
צו זיי אַלע צוצוקומען?

גליקליך לאַכט דער הימעל אויף,
ווען בעגאָסען האָט דער רעגען
איין פערדארטע שטיקעל לאַנד
און געבראַכט דאָרטען גליק און זעגען.

דיכטער! וואָלקענס דעקט דיין הארץ —
גיעס זיי אויס אין קוואלען ליעדער;
נאָר ניט טראַכט פון ערד און וועלט
מיט די אַלע מענשען־ברידער.

מעג דיין וואָלקען זיין ווי גרויס,
מעג דיין הארץ ווי שטארק דיר קלאַפּען,
קען דיין ליעד, דיין וואָלקען־ליעד
אַלע הערצער ניט פערכאַפּען.

מענשען־הערצער זיינען ווייט,
ווי די לענדער איינס פון אנדערען;
גליקליך זאי ווען ד'האַסט דערפרישט
ערגעץ איינעם אין זיין וואנדערען . . .

פון בענקענדען...

ס'ווערט מיין זעעלע טריעב און באנג
אין דעם טומעל, אין דעם גרילען;
איך וויל הערען קלעזמער שפּיעלען,
איך וויל הערען פיעדעל־קלאנג.

ס'ציהען טעג זיך, לאַנג און גראָה —
רינגלעך פון דער קייט פון לעבען;
איך וויל זעהן, ווי אָדלער שוועבען
אין די וואָלקען וויים און בלאָה . . .

אַ, איך האָב שוין מעהר קיין קראפט
אין דעם גראהען לאנד צו פיהרען;
איך וויל בלומען־דופטען שפירען —
בלומען־דופט און בוימער־זאפט!

איך וויל שטייגען אויף דעם בארג!
איינגעשפּארט ווי א פערברעכער;
איך וויל ברייטער איך וויל העכער,
אַ, דער וועג, ווי קורץ און קארג! —

כל זמן.

כל זמן ביזטו נאָך נישט פערפאַהרען
אין די ווייטע גרויע יאָהרען, —
זאָלסטו וואַנדערען און פאָהרען
אין דער ברייטער וועלט.

ס'איז פאַר דיר גענוג נאָך באַהנען,
וואָס זיי פיהרען דיך פון דאַנען,
נאָר נישט פרעג: וואוהין ? ביז וואַנען ? —
זוך נישט קיין געצעלט !

ס'איז גענוג פאַר דיר נאָך שיפען,
וואָס זיי לויפען פריי און שטיפען
אויף דעם ברייטען ים און טיעפען —
זיץ ניט אויף קיין אָרט !

ס'וועט די גוטע שיף דיך טראָגען
און די כוואַליעס וועלען יאָגען,
יאָגען, טראָגען און פערטראָגען
דיינע זאָרגען פאָרט !

ניט אלץ.

ניט אלץ האט דער מענש נאך ביי גאט אבגענומען,
ער איז נאך א'ן עושר, ער האט נאך פערמעגען:
עס ציהען זיך פעלדער און וועלדער געדיכטע
דורך ווייטע און ליכטיגע, אפענע וועגען . . .

מיין חבר, מייז ארמער! א זאק אויף די פלייצעס,
אין האנד צו א שטעקען און לאמיר זיך לאזען
אין פעלדער אין ברייטע, אין וועלדער געדיכטע,
און הייזער און גאסען און מענשען פערלאזען!

און לאמיר נאך נעהמען א חבר'טע מיט זיך,
און ברייט זאל איהר הארץ זיין, ז'זאל ליעבען אונזביידען:
און לאמיר אין דרייען אין וועגען זיך לאזען
און ס'לעבען וועט זיין, ווי א טרוים אין גן־עדן . . .

אין א שניי-נאַכט.

אין אזא נאַכט פערבענקסטו זיך זיס — — — —
ווייך איז דער שניי און ער גלאַנצט ;
ס'הויבען מיט לוסט זיך שנעלער די פיס
און דיין נשמה — זי טאַנצט . . .

אין אזא נאַכט פון פרישקייט און קעלט
וואַרעמט דיין האַרץ זיך ערשט אָן . . .
ווייס ווערט די וועלט, יונג ווערט די וועלט,
דו אויך — הויבסט לעבען ערשט אָן . . .

אין אזא נאַכט שווימט דיר אַרויס
דאָס, וואָס עס לעבט שוין ניט מעהר :
ס'אַרימע הויז, דיין עלטערענס הויז —
ס'פינקעלט אין אויג דיר א טרער . . .

אין אזא נאַכט פערגעסטו די צאָהל
ווי פיעל דו האָסט שוין געלעבט . . .
מייסט ביזט א קינד, מיינסט ס'איז אַמאָל,
וואָלסטו זיך געהויבען, געשוועבט !

אין אזא נאַכט דערמאָנסטו דאָס לאַנד —
שליטעלעך, גלעקעלעך און שניי...
און די געליעבטע רעכטס ביי דיין האַנד — — — — —
אין אזא נאַכט טהוט עס וועה ! . . .

די שבועה.

איך האָב מיר אַ שבועה געגעבען
ניט וועלען קיין גליק און קיין פרייד,
נאָר שענקען און ווידמען מיין לעבען
דעם מענשליכען עלענד און לייד.

כ'בין שפּעטער אויף שמחות געגאַנגען,
מיט פרעהליכע לייט זיך געמישט
געזונגען מיט זיי גלייך געזאַנגען —
די שבועה געבראָכען דאָך נישט.

אומעטיג.

אומעטיג, מיידעל, צו לעבען אליין, —
קענסט אפשר קומען צו מיר:
מיין צימער איז אָרים, מיין צימער איז קליין,
האָט אַ בעזונדערע טיר.
האָט א בעזונדערע טיר,
נאָר קיינער, אוי, קלאפט נישט אין איהר.

אומעטיג, מיידעל, אך, אומעטיג, שווער,
און ווי נאָר דער אָוענט ער קומט,
זיץ איך די אויגען צום טיר און איך הער —
דער ווינד אזוי טרויעריג ברומט.
דער ווינד אזוי טרויעריג ברומט
און ס'דאכט מיר, אז אימיצער קומט...

און וואו דו קומסט...

און וואו דו קומסט — דאָרט איז גאָט'ס וועלט,
גנעהערט ניט צו קיין אַנדערע.
דאריבער, רוהיג, מוטהיג, פריינד !
אַ שטעקען נעהם און וואנדרע.

דערזעהסט א פעלד, דערזעהסט א וואלד,
רוה אויס אין זון, אין שאָטען,
דערזעהסט א שטאָדט, ווייך אויס, ווייך אויס,
אך, זי געהערט דעם שטן.

דו פערגעסט מיך ליעבסטע.

דו פרעגסט מיך ליעבסטע מיינע:
ווען זעה'ן מיר ווידער זיך?
איך קען די פראגע דיינע
ניט ענטפערען אזוי גיך.

עס איז די צייט מיר טייער,
איך בין צופיעל פערנומען;
נאָר ווען דו זאָלסט נישט קומען
פלאמט אויף מיין ליעבעס-פייער.

און אַלע ארבייט ווארף איך
און וויל פון גאָרנישט וויסען,
נאָר דיך, נאָר דיינע קוסען,
דען אויסער דיך, וואָס דארף איך?

די אלטע קשיא.

פרעגט די וועלט אַן אַלטע קשיא:
וואָס איז פאַרט דער זין פון לעבען?
קומט אין יעדען דור אַ חכם
אונז אַ קלוגען תירוץ געבען.

הערט מען אוים דעם קלוגען תירוץ
און מען זינגט דעם חכם ליעדער;
שטאַרבט דער חכם גאָר אין גיכען,
בלייבט די אַלטע קשיא וויעדער.

אַזוי דרעהט זיך עס און דרעהט זיך,
ביז די קשיא ווערט פערגעסען
און דער עולם לעבט און פרעהט זיך,
האָט גרוים אפּעטיט צום עסען.

הויבען אָן די ביינער וועה טהאָן
און אין קאָפּ הויבט אָן זיך וועבען,
פרעגט די וועלט צוריק די קשיא:
וואָס זשע איז דער זין פון לעבען?...

דער הערבסט.

(פון רוסישען)

אומעטיגע בילדער!
וואָלקענס אָהן א שיער;
נאָכאנאַנד דער רעגען —
טייכעלעך ביי'ן טיר.

א פערדארטע בוימעל
שאָקעלט זיך אין שרעק,
ס'קוקט דאָס גאנצע שטעדטעל,
ווי א גראָהער פלעק....

וואָס ביזטו געקומען,
הערבסט, גאָר אָנגעריכט?
ס'וויל דאָס הארץ נאָך האָבען
ווארימקייט און ליכט.

קיינער ניט צופריעדען
איז מיט דיין בעזוך;
פאר'ן אָר'מען מענשען
ביזטו גאָר א פלוך.

שוין בעצייטענס פיהלט ער
גאָר דיין בייזע מאכט,
ווי פאר קעלט די קינדער
ציטערען ביי נאָכט.

גישט קיין האַלץ אין אויוועז,
אהן א קלייד דער גוף —
וואָס האָסטו געאיילט זיך,
הערבסט, אויף וועמענס רוף?

זעהסטו דעם בלייכען, קראַנקען
איינגעהאַרבעט שטעהט,
ווי האַט איהם דער זומער
פריש געמאַכט, געפרעהט.

און אצינד דאָס רוישען
פון די בלעטער־געל
טרייבען אַן אַ אומעט
אויף זיין קראַנקער זעעל....

פריה געקומען ביזטו
הערבסט צו גאַסט אהער,
פיעלע וועלען זומער
ניט דערוואַרטען מעהר . . .

זומער-טעג.

אך שעהנע זומער־טעג, בעקאנטע,
געקומען זייט איהר ווידער ;
איהר גריעסט מיך פריינדליך, ווי פערוואנדטע,
ווי אלטע גוטע ברידער.

איהר האט געבראכט די זעלבע שטראהלען
דעם זעלבען גלאנץ און שימעל
אויף מיר דאך ווילען זיי ניט פאלען,
אין איינזאם טריעבען צימער.

איהר פאקט זיך אוים פון וועג פון ווייטען,
און האט געבראכט געשאנקען ;
איהר טיילט זיי אוים פאר פרעמדע לייטען,
וואס וועלען אייך ניט דאנקען...

אויפ׳ן באנקעט.

(נאָכאַחמונג)

מען האָט צום באנקעט מיך געלאדען
איך ווייס נישט אליין גאָר צו וואָס?
דאָך לאָזען אליין קאַמעראַדען,
זיי וואָלטען געהאַט א פערדראָס!

דער עולם איז שטאָלץ אָנגעקומען
און יעדער — א גאונ׳שער מאן!
ווער ס׳האָט זיך מיט דראמע פערנומען
און ווער מיט א לאַנגען ראָמאן.

זיי האָבען אין זאָאַל זיך געטראָגען
און האָבען גערעדט אזוי הויך;
נו, האָב איך געשעמט מיך צו זאָגען
אז איך אליין שרייב עפּעס אויך...

ווי אַ בלום.

(פאָלקס מאָטיוו).

ווי אַ בלום אַהן טהוי פערדאַר איך
אַהן אַ קוש און אַהן אַ גלעט ;
שטענדיג ווארט איך, שטענדיג האַר איך
און עס וועט שוין זיין באַלד שפּעט.

וואַר־זשע ער, מיין בעשערטער?
קום שוין גיכער, קום שוין, קום!
נאָר איין קוש, צוויי ליעבע ווערטער
און עס בליהט צוריק די בלום . . .

מיר שטאמען אלע פון אן אנדער וועלט.

מיר שטאמען אלע פון אן אנדער וועלט . . .
דארט זיינען מיר אין גאלדענעם בוך פערשריעבען . . .
דארט ווערען מיר רעגיערט פון א געהיימען מלך,
וואס האלט אויף אונז אן אויג און היט אונז . . .

אהער אויף דער וועלט קומען מיר צו געהן
צו זעהען א פארשטעלונג, וואס ווערט געגעבען
פון שוישפיעלער, א חברה קאמעדיאנטען,
צו זעהען א פארשטעלונג וואס רופט זיך : „לעבען".

מיר קוקען מיט פערכאפטען אטעם און ס'געפעלט
די שפיעל און שפיעלער און מיר הויבען אן
אליין אויך שפיעלען, ווערען קאמעדיאנטען
און יעדער וויל דער גרעסטער „שפיעלער" ווערען.

און דאס איז שלעכט ! ווייל אלע ווילען שפיעלען
הויבט אן דאס שטיק דעם ריטם צו פערליערען,
עס הערען זיך פיעל קולות און געשרייען
און ענדליך ווערט דאס שטיק גאר אונאינטערעסאנט !

דער בעסערער, וואס איז אהער געקומען
צו זעהן וואס שענס, הויבט אן זיך צו לאנגווייליען,
ער געניצט און ער שפייט און לאזט די שפיעל אין מיטען,
און הויבט זיך גרייטען אן צו געהן צוריק !

מיר שטאַמען אַלע פון אַן אַנדער וועלט,
דאָ זענען מיר בלויז פרעמדע, אָהן פערוואַנדטע,
און וואויל איז דעם וואָס ווייס דאָס אַלעס און פאַרשטעהט עס
און שמייכעלט ליעב אויף אַלץ, וואָס קומט דאָ פאָר . . .

פון חדר.

עס איז מיין האַרץ דערשראָקען
אַזוי ווי ביי אַן אינגעלע, וואָס געהט
פון חדר אין אַ ווינטער־נאַכט און האָט
זיך אָבגעשיידט פון אַלע זינגענדע חברים.
און איז אין מיטען מאַרק אַליין געבליעבען.
אַ ווינטער־נאַכט, און פינסטער קאַלט.
אָט הערט ער נאָך דעם קלאַנג פון זייער ליעדעל,
אָט כאַפּט נאָך אויף זיין אויג דעם לעצטען שימער
פון ליכט פון די פּאַפּיערענע לאַמטערנעס,
נאָר באַלד איז אַלעס אויס, קיין שטראַהל, קיין קלאַנג!
אַליין, אַליין ער געהט אַהיים. די היים איז ווייט!
און די לאַמטערנעלע האָט איהם זיין חבר אָבגענומען...
ער געהט און לויפט . . . דער ווינד יאָגט צו
און ס׳וואַקלען זיך די קליינע מיעדע פיס
און ס׳שרעקט און ס׳קלאַפּט דאָס קליינע קינדיש־האַרץ . . .

מיר בענקען.

מיר בענקען אלע צוריק, צוריק
און מיינען, דארטען איז דאָס גליק
אהין, אהין אין יענער זייט —
דאָס גליק איז שטענדיג פעוואָרפען ווייט.

און קומען מיר נאָך יאָהרען לאנג
אהין, ווי ווערט עס אונז באלד באנג !
און קלאָגען שטיל ; צוריק, צוריק !
אַך דארט איז גאָר געווען דאָס גליק.

אזוי נאָר בלאָזשען מיר ארום,
לאנד איין, לאנד אויס און אומעטום ;
ביז וואן מיר ווערען קלוג און גראָה
און שמייכלען : ס'איז קיין גליק ניטאָ !

וועלט און מענש.

וואָס געהט מיך וועלט און מענשען אָן?
איך בין אליין אַ וועלט.
וואָס אַרט מיך וואָס איהר לאַכט מיך אויס —
איך טהו וואָס מיר געפעלט.

מיין וועג איז קרום, דאָך פיהרט ער גלייך
צום וואַלד, צום פעלד, צום באַרג,
און אייערער — ער פיהרט אייך בלויז
צום רוישענדיגען מאַרק.

אויפ'ן גרינעם גראָז.

אויפ'ן גרינעם גראָז
וואָלט איך וועלען פאַלען;
אונטען — סאַמעט ווייך,
אויבען — גאָלדענע שטראַהלען!

אונטען בעט א ביהן
און א פויגעל — אויבען;
אוי, ווי וואָלט איך, גאָט,
ריהמען דיך און לויבען.

אָבער אין דער שטאָדט,
וואו די רייבער זיצען,
קען איך פלוכען נאָר
און די צייהנער קריצען.

אָבער אין דער שטאָדט,
אין דער רייבער קהלה,
האָב איך, גאָט פאַר דיר
לאַג שוין ניט קיין תפלה . . .

דוד צו אבישג השונמית.

(פון ביבעל.)

ליעג, מיין קינד, ליעג,
ליעג אין מיין בעט,
האלז מיך און גלעט,
וויעג מיך און וויעג.

וואס קען מען טהאן ?
אלט בין איך, אלט,
קאלט איז מיר, קאלט —
ווארעם מיך אן.

ס'ענדיגט מיין וועלט, —
נאכט־שאטענס שווארץ
דעקען מיין הארץ
וועהען מיט קעלט !

ווארים־זשע, גלעט
ארימעם קינד,
ווארים, געשווינד —
באלד איז שוין שפעט !

אַ וואָרט.

אַ וואָרט רוהט מיר אין האַרצען —
ס'איז ניי און פריי און פרום ;
איך קען איהם ניט אויסריידען —
איך בין פאַר איהם נאָך שטום.

אַ צווייטער וועט איהם זאָגען
אין יאָהרען לאַנג אַרום — —
דאָס וואָרט איז אָבער מיינער
געווען בין איך נאָר שטום . . .

ווי לאַנגווייליג...

ווי לאַנגווייליג, ווי שלעפעריג !
אַז אומעט אופ'ן הארצען פאַלט ;
עס האַפט זיך ניט, עס גלויבט זיך ניט —
ארום איז אזוי פּראָסטיג־קאַלט.

די שויבען — דורך פערנעבעלטע,
דו קוקסט און זעהסט קיין זאך . . .
דיין אויער הערט בלויז ווי דער ווינט —
ער טרויערט אויפ'ן דאך.

עס האַפט זיך ניט, עס גלויבט זיך ניט
זאָל ליכטיג ווען נאָך זיין ;
אין טעג אזעלכע פינסטערע
ווער גלויבט אין זונען־שיין ! . . .

די פּאָר.

אויף א שטענגעל — וויסט און גרוי, —
שלעפּט זיך אום א מאַן און פרוי;
די פרוי איז די נויט,
דער מאַן איז דער טויט.

געהן — געהען זיי געאַרעמט,
ווי זיי וואָלטען זיך געוואַרעמט:
זיי זיינען אַלט —
עס איז זיי קאַלט.

רופט זיך אָב דער טויט צום ווייבעל:
קום, מיין ליעבע, זיסע טייבעל,
אַ נחת־מיין,
אין שטאָדט אריין!

ס'האָט נאָר אָנגעהויבען טאָגען,
מענשען לויפען, איילען, יאָגען . . .
צום מאַן זאָגט זי:
„עס איז ניט פריה!"

ווירקליך — זאָגט דער טויט — קום גיכער,
ארבייט וועט א סך זיין, זיכער!
איך הער אין לופט:
מען רופט! מען רופט!

און דורך געסלעך ענגע, קרומע,
לאָזען זיי זיך געהן גאָר שטומע,
מיט לייכטע שריט,
ס'הערט קיינער ניט ! . . .

האפנונגען.

א, האפענונגען מיינע — בליהט!...
אך, בליהט נאך ווידער, ווידער:
דער שניי איז קאלט און פאלט און שיט,
דאך זינגט דער פרייער פויגעל ליעדער:
ער וויים פון קעלט און ווינטער ניט — — —
א, האפענונגען מיינע — בליהט!...

צו א שנעעלע.

און אויב דו ביזט א שנעעלע,
דאַן זאָלסטו פאלען
אויפ'ן קארק
פון א בארג
און אייביג דאָרטען שטראַלען.
נאָר וועה וועט דאַן דיר זיין
ווען דו פאלסט אריין,
דו קלאָרער שניי,
אין שטאָדט, צו זיי . . .
דאַן ווערט פון דיר באַלד קויט
און נאָכדעם ביזטו — טויט !

* *
*

נאך א מאנטאג, נאך א דיענסטאג —
טעג זיי פליהען . . .
פון איין וואוינונג אין דער צווייטער
איבערציהען.

ביכער טוישען . . . טוישען קליידער
און אידעען
און די ליעבע און די ווייבער —
וואס קען פרעהען ?

און אין אלעם איז קיין זין דא
אויף א האר נישט
און עס טרינקט זיך די נשמה
אין דעם גארנישט . . .

טראמפּייטען שאַלען.

מלחמה-מאָטיוועז.

טראמפּייטען שאַלען.

העי, איך הער טראָמפּייטען שאַלען
פון דער ווייט ;
און פון טויערען דאָס פאַלען —
וואָס בעדייט ?
ווערט וואָר־ווייט א פּאָלק געבאָרען,
געהט וואָר־ווייט אַ פּאָלק פערלאָרען ? — — —
העי, ווער רייט ?

קומט אַ אַנזאָגער פון לעבען
און בעפרייט פון נויט ?
וואָס־זשע שרעקען זיינע אויגען
און זיין מאַנטעל־רויט !
ווי עס ברומט ! —
העי, ווער קומט ?

געהט וואָס ווערען אָדער ענדען,
קומט ער בויען צי פערלענדען ?
קומט ער טרייסטען, אָדער שטראפען,
קומט ער וועקען, די וואָס שלאָפען
שוין אַ צייט ?

ווי עס ברומט !
העי, ווער קומט
פון דער ווייט ? . . .

מוטער.

„אַ, מאמע, כ'וויל א ביסעל מילך,
ס'איז טרוקען מיר מיין גומען . . .“
— מיין קינד — א בייזער פאסטוך האַט
די אַלע קיה פערנומען.

טאַ גיב מיר, מאמע, ברויט א בים
דעם הונגער מיר צו שטילען! —
— ניטאַ, מיין קינד. א וואַסער האַט
פערטרונקען אַלע מיהלען.

א וואַסער ווילד, א וואַסער־רויט
האַט זיי אראַבגעטראַגען,
און אַלע מילנער זיינען איצט
אוועק אין פעלד זיך שלאַגען.

„טאַ, וואו־זשע איז דער טאטע איצט,
ער זאָל אונז עסען קריגען?“
— דער טאטע איז אוועק מיט זיי
א שונא צו בעזיעגען.

דער טאטע איז אויך איצט אין פעלד —
דו הערסט מיין קינד אַ ברומען?
ער איז אוועק, ער איז ניטאַ,
ער וועט שוין קיינמאָל קומען

„טאַ וואָס־זשע שווייגט דער פעטער דאָרט,
אין לאַנד פון גאָלד דעם ווייטען ?
דו פלעגסט דערצעהלען, מאַמע, אָפט :
ער האָט דאָרט גוטע צייטען“.

— דיין פעטער, קינד, ניט פרעג, ניט פרעג —
אַן אומגליק האָט געטראָפען :
ער האָט אַ זאַטער זיך געלעגט
און איז פעסט איינגעשלאָפען.

און אויפגעשטאַנען אין דער פריה —
אַ, וועה צו מיינע יאָהרען ! —
פון גוטען פעטער מיט זיין גאָלד
איז גלייך אַ שטיין געוואָרען“.

דאָס קינד שטעלט אויס די אויגעלעך
פול שרעק און פול סכנות,
און ענדליך וויינסט עס : מאַמעשע,
דעם פעטער — אַ רחמנות ! . . .

איך בין זיי מקנא.

איך בין זיי מקנא די ברידער
און שוועסטער אויף יענער זייט ים;
איך בין, ווי א בלעטעל, וואס האט איהם
דער ווינד אבגעריסען פון שטאם.

ווי וואלט איך מיט זיי איצט געוואנדערט
אין עלענד, אין שרעק און אין נויט;
און טיילען אינאיינעם די טרערען,
און טיילען די שרעקען פון טויט.

איך בין זיי מקנא דאס אונגליק!
ווי וואלט איך מיך גליקליך געשעצט
צו ווערען מיט זיי גלייך געטריעבען,
פון שונא געיאגט און געהעצט!

ווי וואלט איך אין וואנדערער־ערדה,
זיך גערן מיט זיי אויסגעמישט,
אין איינעם צום הימעל זיך ווענדען
אין איינעם די טרערען געווישט.

ווי וואלט איך געארעמט די קינדער,
וואס לויפען די עלטערען נאך
מיט אויגען פערגליווערט פון פחד
און פיהלען, ווי גרויסע דעם בראך:

ווי וואָלט איך דורך פעלד זיי געטראָגען
דורך זומפּיגע וועגען און ליים
און גלעטען די בעקעלעך בלייכע
און טרייסטען : באַלד, באַלד איז די היים . . .

און פאַלט צו דער אבענד אין מורא
און וואַנדערען ווייטער איז שפּעט,
דאַן וואָלט איך מיין ראָק אויסגעצויגען,
די קינדער איהם אונטערגעבעט.

און וואָלט זיי מיט קושען דערוואַרימט,
און וואָלט זיי מיט טרערען פערוויעגט,
ביז וואַנען א גילדערנער חלום
וואָלט ענדליך די קינדער בעגליקט . . .

ווי וואָלט איך דערנאָכדעם זיך לאָזען
דורך ווינד און דורך שרעק און דורך נאַכט,
צו זוכען א ברונעם, דערקוויקען
די מיעדע וואָס ליגען פערשמאַכט.

ווי וואָלט איך מיט גרייז־גראָהע זקנים
וואָס זיצען אין קופּקעלעך שטום,
צערעדט זיך פון צייטען פון אַלטע
און גלויביג געוואָרען און פרום.

איך וואָלט זיי דעם זוהר דערמאָנען
און הייליגע ספרים נאָך פיעל,
און וואָלטען אינאיינעם בעשפּראָכען,
אז אַלץ וואָס קומט פאַר האָט א ציעל. . .

די זקנים, די מידע, ערוואכען,
די אויגען זיך עפענען ברייט
און שמייכלען, ווי יונגע, בעגייסטערט :
משיח, משיח — ער געהט ! . . .

מוטער און קינד.

(וויעג־ליעד)

שטיל מיין קינד, פערבאָרג ס'געזיכט !
פינסטער איז אין שטוב און קאלט —
אויסגעהאקט איז יעדער וואלד,
אויסגעלאָשען יעדעם ליכט !

שטילער קינד מיינס ! איבער'ן הויז
שווימט אן אָדלער גרויס און לאנג,
ווי א שטאָל־געדרעהטער שלאנג —
קריך פון וויגעל ניט ארויס ! . . .

שטילער קינד מיינס ! הינטער'ן פעלד
געהען צוויי קיסרים אום
און פערוויסטען אומעדום,
און פערטיליגען די וועלט !

שטילער קינד מיינס, קיין געשריי !
די קיסרים קומען אָן
אין די קרוינען אָנגעטאָן —
גוג ומגוג רופט מען זיי !

וויין נישט קינד ! עס קומען באלד
דיינע ברידער, העלדען צוועלף,
אויסגעלייזטע פון די וועלף,
פון א שווארצען צויבער־וואלד . . .

העלדען צוועלף פון איין געוויקס,
אלע הויכע, שטארק און שלאנק,
און די הערצער ריין און בלאנק —
אהן א שווערד און אהן א ביקס . . .

דיינע ברידער — שטארקע לייט:
כאפען וועלען זיי די צוויי,
גוג ומגוג — בינדען זיי
און פערשפארען ערגעץ ווייט. . .

און די קרוינען פון די צוויי
אויסטהון וועט מען, שענקען דיר,
און אין הויף, ביי'ן שוועל און טיר
וועסטו שפיעלען זיך מיט זיי . . .

נייע איכה׳ס.

נייע „איכה׳ס" קלינגען
אין דער גאנצער וועלט,
אין די שטעדט די רייכסטע
ברויט א שטיקעל פעהלט.

אַלע ליעדער שווייגען,
פיעדעל, פלייט און האַרף;
שטומע מענשען וואנדלען,
מיט א וועהטאַג שאַרף.

שמאַכטענד - פאלען קינדער,
צו דער מוטערס שויס,
און פאר קינדער׳ס אויגען,
געהען מוטערס אויס . . .

שרעקען אין די גאסען
טהיר און טויער צו . . .
אויף די שעהנסטע פּלעצער,
שוועבט פון טויט די רוה . . .

ירמיהו׳ס גייסט האַט
ווידער אויפגעלעבט
און זיין אַלטע „איכה"
איבער לענדער שוועבט . . .

דער פּוילישער טאָג.

אין אַלט פערצייטישע קאָסטיומען
וואָס האָבען מיך די היים דערמאָנט,
האָב איך זיי דאָ געזעהן אין פּאַרליך,
כ'האָב זיי דערקאָנט און ניט דערקאָנט.

זיי האָבען בעטענד אָנגעקוקט מיך
און מיט א פּושקע צוגעקלאפּט,
איך האָב דערמאָהנט און וואָס בעגריפען
און האָב צום טאַש זיך דאָך געכאפּט....

איך האָב אין פּושקע אריינגעוואָרפען
ווי פיעל איך בין געווען אין שטאנד,
און האָב דערפיהלט דעם גרויסען חורבן
פון אונז, פון זיי איןביידענס לאנד . . .

איך האָב פערגעסען אַלע לעהרען,
וואָס מ'האָט געפּלאצט אין זיי, אין מיר;
איך האָב געזעהן בלויז חורבות־הייזלעך
און אָרמע פּויערטעס ביין טיר.

און קליינע קינדער אויף די שויסען
ביי בריסט אָהן מינדסטען טראָפּען מילך
און אַלטע פּויערים פערשמאַכטע
און פון דער גסיסה לעצטען הילך;

און פעלדער לאנג שוין ניט געשניטען
און בוימער לאנג שוין אויסגעהאקט,
און קברים אויף די ביידע זייטען,
פון אלטען, ווייטען וויסטען טראקט . . .

א וועלט-חלום.

אך, דאס וואס קומט פאר איז א חלום, מיין פריינד,
א גרויזאמער חלום, א שווערער ;
ס'איז נאכט אויף דער וועלט און אונז חלום'ען פיינד —
זיי קומען אלץ מעהרער און מעהרער . . .

זיי קומען פון לענדער פון פינסטערע אן,
און ברומען און רוישען און שאלען ;
זיי טשעפען זיך איינס אן די אנדערע אן
און ווערען פערבלוטיגט און פאלען . . .

און ס'עפענט די ערד אויף איהר פינסטערען מויל
און שלינגט זיי איין גיך, ווי א חיה . . .
און ס'קומען אן אנדערע בייזע מיט גרויל —
און ס'קומען אלץ מחנות אן נייע.

און ווערען אלץ ווילדער און ס'וואקסט זייער וואוט
און ס'קלינגט, ווי פון אבגרונד, א לאכען . . .
און וויעדער פערשליענגט זיי די ערד מיט'ן בלוט — —
אי, שרעקליך ! . . . דו קענסט'ניט ערוואכען ! . . .

א בריעף צו דער ליעבסטער.

מיין ליעבסטע, דעם בריעף וואס איך שיק דיר,
ער וועט צו דיר איצטער ניט קומען;
עס זיינען די באהנען און שיפען
מיט שווערע קאנאנען פערנומען.

דאס ווארט מיינס האט איצטער קיין פלאץ ניט,
דאס ווארט פון געפיהלען און ליעבע;
מיין ליעבעסטע! דעם בריעף וואס איך שיק דיר
קען טרעפען איהם אונגליק און סיבה.

עס קען א הארמאט איהם בעגעגענען
און ווערען גלייך וועט ער צושאסען;
און ס'וועלען די ווערטער די שעהנסטע
מיט מענשליכע בלוט זיין פערגאסען..

די ווארימע ווערטער פון ליעבע,
מיט בלוט קענען ווערען פערטרונקען;
און ווערען אין ים אין דעם טיעפען
אויף אייביג, אויף אייביג פארזונקען...

און אפשר וועט גאר א גראנאט איהם
מיט העלישען פייער אנצינדען,
און ס'וועלען די ווערטער פון ליעבע
אין רויך און אין פלאמען פערשווינדען!...

לשנה טובה.

לשנה טובה איך, ברידער, אין שלאכט,
אין פינסטערער נאכט ! . . .
ווער איהר עס דערהערען ? —
פערטויבט ווערט עס ווערען
דורך פויקען, סיגנאלען,
דורך טראמפלען פון פערד,
דורך ווילדען געשרעה,
דורך קרעכצען און וועה,
וואס שניידט דורך די ערד
פון די וואס זיי פאלען . . .

לשנה טובה !
איך רוף שטארק און הויך — — — —
מיין רוף קומט צוריק
אין פולווער און רויך . . .

* * *

לשנה טובה דעם איד דעם סאלדאט,
וואס שטעהט אין די רייהען
פון פרעמדע ארמעען,
און פעלדער ווילד־פרעמדע
פון זיין בלוט ווערען זאט...
און אויב ס'האט פאר קיינעם
קיין ציעל ניט דער קריעג,
איז דאפעלטער צוועקלאז
פאר איהם יעדער זיעג . . .

* * *

לשנה טובה, דיר, אָרימער ברודער !
העב הויך אויף דיין זעבעל
און ציעל אַן אַ זייט !
דו זאָלסט ניט אין רויכיגען נעבעל,
אין ראש און גערודער,
אין פינסטערער צייט,
ניט טרעפען, ניט טויטען
דיין אייגענעם ברודער . . . .

* * *

לשנה טובה אייך אַלע אין שלאַכט !
איהר מיעדע און מאַטע
און זעלטען ווען זאַטע,
און זעלטען בערוהטע ביי נאַכט.
אייך יונגענקע בלומען
מיט טרוקענע גומען,
מיט ליפען פערברענטע און פערשמאַכט...
אַ, איהר, וואָס אין קורצען דרימעל
אונטער אָפענעם הימעל
איהר האַלט די געליעבטע אין שוים . . .

איהר ווילט זי אומאַרמען,
נור פּלוצלונג א ליאַרמען,
מען וועקט, און דער חלום איז אוים . . .

* * *

לשנה טובה אייך,
איהר, וואָס איהר יאָגט
דורך בערג און דורך טאָלען,
און זאַמדיגע וועגען;
און הינטער אייך געהט,
דאכט זיך, עמיץ און קלאָגט,
און פאָרענט אייך געהען אנטקעגען
די אויגען פון אייערע געליעבטע
פערוויינטע, בעטריעבטע,
און בעטען און פרעגען:
אָ, טייערע! זאָגט אונז
צו וואָס און וואוהין?...

. . . .

לשנה טובה...
עס מישט זיך דער זין...

די געפאנגענע טויב.

פון א לאנד א קאלטען,
וואו די שדים שאלטען —
א געוויין פערשפרייט זיך
אימיצער פערגעהט זיך.

ס׳ קלאַגט די טויב די ווייסע,
די שוין לאנג געגארטע,
דארטען א פערשפאַרטע —
(ווי אין בוך א מעשה!)

אז א שטיין געבונדען
דאַרט פון א ניט־גוטען —
איהרע אויגען בלוטען,
איהר פליגעל — וואונדען.

הערט איהר ניט דאָס ברומען
פון א טויב געפאנגען?
האָט איהר איהרע קלאנגען
ציטריג ניט פערנומען?

ווי די שופרות בלאָזען
פול מיט שרעק און בענגען!
ווער פאַרט וועט זיך לאָזען
גלייך די טויב אונז ברענגען?

ווי די ראָבען שרייען
רויבעריש און בלוטיג;
קיינער איז ניט מוטיג
געהן די טויב בעפרייען!...

נייע צייט רעכענונג.

מ'האט אבגעצעהלט צוואנציג יאהר הונדערט,
לויט ס'צעהלען די קריסטען אצינד,
א הערט איהר אין לופטען די קרעכצען
א, הערט איהר ווי ס'יאמערט דער ווינד!

א, זעהט איהר דעם פעך שווארצען רייטער,
דעם טויט, ווי ער יאגט זיך אין טאל . . . —
א, טויזענד ניינהונדערט און ווייטער,
לויט נייער, לויט קריסטליכער צאל!...

די צאהל איז איצט בטול געווארען,
די וועלט איז צוריק וויסטעניי . . .
נו, מוזען מיר צעהלען די יאהרען
איצט אנהויבען גאר אויף דאס ניי...

דאס קינפטיגע יאהר קומט משיח —
זיין הארץ איז א קלארס און א ריינס —
און ניי וועט דאן ווערען דער לוח:
דאס יאהר וועט זיך צעהלען פון איינס . . .

##ביים בארג סיני.

(ביים בארג סיני קומט פאַר
פירטירליכע קעמפּפע).
פון די מלחמה נייעס.

ס'קראכט דער שטורעם ווילד און ווילדער;
גאנצע וואָלקענס רויך אין זיילען:
פלאַמען־פייער און געפילדער
ציהען, ציהען זיך פאַר מיילען;
און דער ליארעם און דאָס ברומען! —
מחנות לויפען, מחנות קומען —
מחנות הויבען זיך און פאַלען,
שופרות רוישען, שופרות שאַלען:
און דער ווירוואַר און די מורא! —
ווער בעקומט א נייע תורה?
און דער אלטער בארג, דער ריעז,
ער בעגרייפט ניט וואָס דאָס איז.

דער בארג סיני בליקט פערוואונדערט:
וואָס געשיעהט עס דאָ אצינדערט?
ווי ער ציטערט, ווי איהם שרעקט! —
ווער האָט איהם פון שלאָף געוועקט?!
אויב א תורה גיט מען ווידער, —
וואָס־זשע שלאָגעןזיך די ברידער?
און וואו איז ער גאָט אין הימעל.

קומט ניט שטילען דעם געטימעל?
ווייל פון טראָן אראָב ניט שטייגען
מיט איין וואָרט זיינס מאכען שווייגען.
און אויך משה וואו איז איצט? — — —
שאַ — עס דונערט און עס בליצט!

און אַ בת קול הילכט אראָב
פון דעם הימעל ענטפערט אָב:

סיני, סיני! אויס דיין שלום:
וואָס דו זעהסט דאָ איז קיין חלום
אלץ געשיעהט עס אויפ'ן יאָהר
ווי צוריק — דריי טויזענד יאָהר!
דאָך קיין תורה, קיינע לעהרען!
ניין, זיי קומען אלץ צושטערען!
האָבען דאָרטען שוין פערלענדעט
אלע תורות און געשענדעט!
אויסגעראָטען שטעדט און לענדער
און צוריסען אלע בענדער.

איז געוועזן זיי אלץ נאָך קארג —
האָבען זיי דערגרייכט דעם בארג,
וואו גאָט'ס רייד האָט העל געפלאַסען
און מיט בלוט איהם רויט פערגאָסען
און דער שונא וועט באלד ברומען:
„דעם בארג סיני איינגענומען!
היי, איהר פעלקער שלאָגט און רויבט —
איצטער איז שוין אלץ ערלויבט!...“

דער באַל נאָכ'ן זיג.

(צוקונפט פאַנטאַזיע).

די האנדלונג קומט פאַר
אין בלוטיגען יאָהר.
אין וואַסער'ן לאנד —
דערווייל אונבעקאנט.

א גרויסער זאַל
נעגרייט צום באַל,
לכבוד די זיעגער,
די טאַפּפערע קריגער,
וואָס האָבען ביז איצט
בעשירעמט, בעשיצט
מיט מוטיגער האנד
פון שונא דאָס לאנד.

דער קריעג איז צו ענד !
דער פיינד איז פערלענדט.
פערטריבען איהם־העט !
פערוויסט זיינע שטעדט,
און מענשען געפאנגען,
און זקנים געהאָנגען,
און שיפען געזונקען,
און מאנשאפט דערטרונקען
און ענדליך בעגליקט —
און ענדליך בעזיעגט.

נון זיינען מיט שמחה
אין זאַל אַנגעקומען
פון לאנד אלע טעכטער —
בעציערטע אין בלומען.

די אויגען — זיי ברענען,
די אויגען — זיי גלאנצען,
די פיס אונגעדולדיג
זיך הויבען צום טאנצען.

„וואו זיינען די העלדען,
די העלדען די בראווע ? . . .
די מיידלאך, די יונגע,
די טעכטער פון חוה.

זיי זיינען ׳זוי דורשטיג !
די הערצאלעך קלאפען ;
ווי וואָלט יעדע גערן
א העלד ארומכאפען.

און פליהען צוזאמען
מיט איהם ווי אין וויכער,
זיך פיהלען אין ארעם
ביי איהם אזוי זיכער.

זיי קומען ! זיי קומען !
אַ, מורא ! אַ, שרעקען !
ווער ס׳קומט אַן אויף איינעם
און ווער אויף צוויי שטעקען.

ביי אנדערע זיינען
די קעפ נאָך פערבונדען,
און טייל קומען אָן־עט
מיט אָפענע וואונדען.

ביי איינעם די אויגען
מיט ווילדקייט זיי פינקלען,
ער זוכט און ער נישטערט
ארום אין די ווינקלען.

ער דראָהט מיט די פויסטען
און הויבט אָן מארשירען,
אזוי ווי מלחמה
געוואָלט וואָלט ער פיהרען.

און באַלד ווערט ער ווילדער
און הויבט אָן צו שרייען:
„מיר מוזען די קריעג נאָך
אויף ווידער בעגייען!"

וואו טאַנצען, ווער טאַנצען!
די מיידלאַך צולויפען,
און ס'הערט זיך אַ שלוכצען
אין הייזער און הויפען . . .

שפעטער.

עס וועלען די פעלדער נאָך גרינען,
דאָך ניט פאר די פאַרלעך פערליעבטע,
דאָרט וועלען בלויז טרערען דאָן רינען
פון מענשען מיט הערצער בעטריעבטע.

עס וועלען ניט קומען שפאציערען
קיין חתן און כלה, ווי דאמעלט,
און אונטער די בערג וועט מען שפירען
א קבר — פון טויטע פערזאמעלט.

אַן איינזאמע מיידעל וועט קומען,
מיט טרויער אין הארצען פערשלאָסען,
און וועט אין די גראָזען און בלומען
דערזעהן דאָס געשטאַלט פון איהר חתן.

קינדער-שפּיעל.

אַ, פון לאַנגווײַלע און אומעט
פריהרט די נשמה:
קינדער, קומט, — מיר וועלען שפּיעלען
אין מלחמה.

יאַשקע, ווילסט אַ קיסר ווערען —
ביזט אַ מילדער!
זאָל אַ קיסר ווערען חיים —
ער איז ווילדער.

נעהם־זשע, ווילדער חיים, קעניג,
גרייט זיך, גרייט זיך!
זעהסט ווי יעדער חדר־אינגעל
לאַכט און פרעהט זיך.

אַך, אַ קיסר וויל ער האָבען,
ס'וועט זיין פרעהליך!
רופ־זשע אַלע צו מלחמה —
גיבער, מלך!

אויפ'ן פעלד...

אויפ'ן פעלד און גראָבען
פליהען אום די ראָבען,
אין דעם רוים דעם פרייען,
פלאַטערן און שרייען.

אין דעם דור הפלגה
איז ביי זיי א חגא,
חגא ביי די ראָבען, —
ווי פיעל גוטס זיי האָבען!

פעלדער אויסגעזועטע —
טויטע אויסגעשפּרייטע
ערשט נאָך דעם אַלאַרם!
אַלע קערפּער ווארעם.

נייע מחנות שוועבען! —
ווי אַ שווארצער זיעגעל
לעגט זיך יעדער פליעגעל
אויף א יונגען לעבען.

ווייסער טויב פון שלום.

ווייסער טויב פון שלום,
קום פון ערגעץ אַן,
און פון אייביג פריעדען
זאָג די בשורה אָן!

ס'פאַלט דאָס הארץ פאַר פחד
און פאַר אנגסטען איין,
און מיט שרעק מיר פרעגען:
וואָס וועט ווייטער זיין?

ווי די שאָטענס וואנדלען
אויף דער ערד מיר אום;
ס'ריידען די ק א נ א נ ע ן
און דער מ ע נ ש א י ז ש ט ו ם...

ברידער געגען ברידער —
און דער האס איז גרויס!
ווייסער טויב פון שלום,
קום און לייז אונז אויס.

ווייסער טויב פון שלום,
פאַרזיכטיג דאָך זיי,
דען די לופט, דער הימעל
איז אויך איצט ניט פריי;

זעהסט א טייוועל פליהט דארט
אין דער הויך ארום :
אייזען — זיינע פליעגעל,
פייער — איז זיין ברום ! . . .

מייד איהם אוים דעם טייוועל,
היט זיך פאר איהם גוט:
זיינע ווייסע פליגעל
שמירט עס אוים אין בלוט...

ארבייטסלאָזיגקייט.

נײַן, זאָגט איך וואָס איהר ווילט, — איך קען עס ניט פערשטעהען:
איך הער דורך שטאָדט און לאַנד, ווי ס'טראָגט זיך אַ געוויין:
„דאָס פאָלק איז ארבייטסלאָז" — מיין גאָט, דאָס איז דאָך גוט!
ווען ארבייט איז ניטאָ, דאן לעבט איך פריי, בערוהט,
דאן מאַכט אַ יום־טוב איך, דאן מאַכט אַ פרייהייטס־פעסט,
און טהוט איך זיבער אָן, און טרינקט איך וואויל און עסט...
די ארבייט איז דאָך פלוך — צייט אדם און די שלאַנג! —
(די קללה ציהט זיך שוין פון פרשה בראשית לאַנג! . . .)

נײַן, זאָגט איך וואָס איהר ווילט, ס'בעגרייפט ניט מיין פערשטאַנד:
צי האָט אַ שונא בייז בעפאַלען אונזער לאַנד;
צי איז אַ היישעריק בעפאַלען אונזער פעלד;
צי האָט דער גוטער גאָט מיט רעגען, זון געפעהלט . . .
צי האָט אַ פייער דען די תבואות אונז פערברענט?
וואָס שמאַכט אזוי דאָס פאָלק און לאָזט אראָב די הענט.
צי איז קיין ברויט ניטאָ, קיין קליידער צו גענוג?
וואָס הונגערט, פריהרט דאָס פאָלק? — איך בין פערשטעהן ניט קלוג!
קיין ארבייט איז ניטאָ! . . . עס שלאָפט פון פאָלק די קראַפט! . . .
דאָס הייסט: דאָס ארבייטס־פאָלק האָט טעג און נעכט געשאַפט!
געשאַפט מיט פליים און שווייס, פערשוועגדעט זיין זאַפט און בלוט

און האָט צופיעל געשאפּט . . .   אַך, דאַרף דאָך איצט זיין גוט !
ס'האָט קליידער אָנגענעהט, ס'האָט הייזער אָנגעבויט,
ס'האָט פעלדער אָנגעזעעט, ס'האָט אָנגעדראָשען ברויט . . .
וואו ליעגט עס אלץ אצינד, ווער האָט עס אלץ פערשפּאַרט ?
וואָס בלאָנזשעט אום דאָס פאָלק, פערהונגערט און פערדאַרט ?...

מלחמה-בריעף.

עס קומען שוין בריעף אָן
פון יענער זייט מעער;
אַך, איטליכער אות איז
אַ בלוטיגע טרעהר...

דאָס שרייבען די שוועסטער,
פערהונגערט, פערשמאַכט. —
(די ברידער זיי זיינען
אַוועק אין דער שלאַכט!)

דאָס שרייבען די מאַמעס
צו זייערע זיהן. —
(די טאַטעס — אַוועק אַלע
אין קריעג — דאָרט אַהין!...)

דאָס שרייבען די באָבעס
מיט טרעהרען שטאַט טינט:
אַ בלוטיג געלעכטער —
דער זיידע — ער „דיענט"!)

* * *

אַט האָט איהר אַ מוסטער —
אַ בריעף פון אַ פרוי.—
זי שרייבט און עס לעזט זיך
בערך אזוי:

„איך וואָלט אייך געשריעבען
פון צרות א סך —
מען מוז אבער רוסיש,
איך קען ניט די שפּראך...

„איך שיק אהן א מארקע,
זייט מוחל — בעצאָהלט...
ווי וואָלט איך אצינדער
ביי אייך זיין געוואָלט!...

„עס קומען „זאפּאסנע“ —
דאָס שטעדטעל זיך שרעקט...
(דאָ קומט נאָך א שורה —
פון צענזאָר פערמעקט...

וואָס זאָל עס בעדייטען?...
פיעלייכט א פּאָגראם?...
אך, ס'האָט אונזער אונגליק
קיין גרונד און קיין תהום!...)

„מיר שרייבט דער אפּטייקער —
ער הינקט אויף איין פוס,
א־ניט וואָלט ער אויכעט
אין קריעג זיין געווים...

„ניטאָ איצט קיין יחום —
אפילו דער גביר,
ר' אייזיק — ער טראגט איצט
דעם קייסער'ס מונדיר...

„א איד איבער זעכציג...
האָט איינ־קלעך צוויי —
מען זאגט, אז ער דיענט איצט
צוזאמען מיט זיי..

„דעם גרויסען בית־מדרש
געדענקסט פון אמאָל...
געמאכט האָט מען איצטער
פון איהם א שפּיטאָל...

„דער רב האָט גע׳פּסק׳נט,
אז כלומרשט מען מעג...
(אזוי ווי עס וואָלט איהם
ווער געבען א פרעג...)

„נאָר אונזער בית־עולם —
אזוי רעדט מען אין שטאָדט —
איהם וועט מען ניט טשעפּען...
בעהיטען זאָל גאָט!...

„וואו וואָלטען מיר איצטער
די צייט דען פערבראכט?
מיר ליעגען דאָרט אָפּ׳עט
ביז שפּעט אין דער נאכט...

„ווייל ערשטענס איז טאקע
דאָס הארץ אזוי שווער...
און אויך איז דאָס לעבען
דאָרט זיכער׳ער מעהר“...

וועלט-פּרושים.

מיר זיינען פון וועלט די פּרושים,
מיר עסען ביי פּעלקע בלויז „טעג" ;
מיר זיינען זיך עוסק אין תורה,
די פּעלקער אין קריעג, אין געשלעג.

מיר האָבען ביי רוסלאַנד א „מאָנטאָג"
א ביטערער טאָג, וואָס ער גיעט :
דאָס ברויט איז געזאַלצען פון טרערען,
ער צעהלט יעדער ביסען און היט.

מיר געהען מיט רוקענס געבויגען
און גלאָצען די אויגען צו גאָט,
און זי, די בעוואפענטע אומה,
זי מאכט אונז צו שאנד און צו שפּאָט . . .

און טוישען מיר אוים אונזער מאָנטאג,
די אומה, די צווייטע, זי אויך
פערגינט ניט דעם ביסען און קרימט זיך,
און זעטיגט אין קיך אונז מיט רויך . . .

און קריגען א טאָג מיר א רייכען,
און כאַפּען אַמאָל אויך אין באר, —
פערלאַנגט מען פון אונז, אז מיר זאָלען
די נשמה זיי געבען דערפאר . . .

מיר זיינען פון וועלט די פּרושים,
אויף „טעג" ביי די פעלקער בעשטעלט,
דאָ מאָנטאג, דאָ דיענסטאג, דאָ מיטוואָך, —
אַ שבת, אַ שבת — בלויז פעהלט ! . . .

שלח מנות.

כ'טראַג זיך איבער צו די ברידער,
איבער'ן ים אוקינוס:
ווי זיי שיקען אין מלחמה
דאַרטען שלח־מנות...

פרימער זייט איהר ווי געוועזען
אין די פינסט'רע ווינקלען:
(גאָלד וואָס מעהר עס ווערט געלייטערט
מעהרער ווערט עס פינקלען).

שלח־מנות איז א מנהג —
איהר ווערט איהם ניט שטערען —
וואָס־זשע קריגט איהר אין די לענדער
דאָרט פון בלוט און טרערען?

פּאָמעראַנצען און ציטרינען —
זאָל איך עס דען גלויבען,
דאָך צי קענט איהר אַזאַ לוקסוס
איצטער זיך ערלויבען?

ווען א שטיקעל ברויט צו קריגען
איז ניטאָ אין גאַנצען,
זאָלט איהר טראַכטען פון ציטרינען
און פון פּאָמעראַנצען!

פאַמעראַנצען . . . ס'וואָלט געוועזען
גוט מיט זיי זיך לאַבען,
אָבער זאָלץ אביסעל מוזט איהר
גויטיגער נאָך האָבען.

און א קליינעם שטיקעל צוקער
ווען איהר קריגט אצינדער,
צו דערוואַרמען, צו דערקוויקען
די פערשמאַכטע קינדער!

כ'טראָג זיך איבער צו די ברידער
בילדער זעה איך העלער:
ס'לויפט א אינגעלע א בלאַסער
טראָגט אין האנד א טעלער.

נאָך, אין הויז פון אלע מאַנסביל
איז בלויז ער געבליבען;
שלח מנות צו דעם זיידען,
טראָגט ער צו דעם ליעבען.

זיידע! זיידע! הויבט דאָס אינגעל
לוסטיג זיך צו מאַכען
שלח־מנות פון דער מאַמען —
לויטער גוטע זאַכען!

דעקט דער זיידע אויף דעם טעלער:
וואָס פאַר א פערמעגען:
זאַלץ זעקס קערנער, צוויי בראָק צוקער!
הויבט ער אָן צו פרעגען:

„וואו האָט דאָס דיין מאַמע איצטער
אַזוי פיעל געקריגען?“
הויבט דאָס אינגעל אָן צו פּלאַפּלען
ליגען איבער ליגען.

און דער אַלטער גוטער זיידע
קנייטשט נאָך מעהר דעם שטערען:
עפּעס רעכטס צוריק צו שיקען
וויל ער ערשט בעקלערען.

און ער זוכט אין אַלע ווינקלעך
שפּרייזט אין די פּאַנטאָפּעל:
„פאר דער מאַמע שלח־מנות
שיק איך צוויי קאַרטאָפּעל“ . . .

פליהט דאָס אייניקעל מיט שמחה
צו דער מאַמע שנעלער:
מאַמע, מאַמע — צוויי קאַרטאָפּעל!...
גלויבסט ניט? — זעה אין טעלער.

און די מאַמע קוקט אין טעלער:
„אמת, אויף נמנות“! — — — — —
אַזוי שיקען זיי זיך דאַרטען
איצטער שלח־מנות! . . .

די היים.

פראָלאָג.

עס ציהט מיך צום אַלטען, צום אַלטעז,
צו דעם, וואָס מען רופט עס פערצייטען,
וואָס ווינקט און וואָס רופט פון א ווייטען
דאָך נאָהענטען לאנד אין גרינסען בעהאַלטען . . .

און דאָס וואָס איז לאנג שוין בעגראָבען,
דאָס לעבט אין געדאנק:
ביזט תמיד ווי קראנק
פאר בענקשאפט צוריק עס צו האָבען! . . .

שבת פארנאַכט

. . . געדענקסטו די צייטען פון דאמעלט :
אַ ליעבער, אַ שבת פאַרנאַכט ;
עס האָט אין איין הויז זיך פערזאמעלט
די יוגענד און פרעהליך פערבראַכט.

עס זענען געוועזן דאָרט פיעל יונגען
און מיידליך אַ סך, גאָר אַ סך...
מיר האָבען געטאַנצט און געזונגען,
פערגעסען דעם וואָכיגען שמאָך.

ווי גרויס איז געוועזען די שמחה :
אַ פרייהייט, אַ פרייהייט אָהן ברעג !
דער טאַטע אַוועק איז צו מנחה,
די מאַמע צו שכנות אַוועק.

די וועלט איז דאָך אונז'רע אין גאַנצען :
דער טאַטע זאָגט תהלים אין שוהל . . .
און שטערט ניט צו זינגען צו טאַנצען,
מיר ווערען פאַר שמחה ווי דול.

נאָר באַלד הויבט אָן דונקעלער ווערען,
מיר קוקען אין פענסטער אַרויס :
עס ווינקען אין הימעל דריי שטערען
און שעפּטשען : דער שבת איז אויס . . .

און ביילקע, די טאָכטער, ווערט קיהלער,
און ווענדט זיך ווי דורך א געוויין:
חברים און חברטעס! שטילער!
דער טאַטע — ער קומט באַלד צו געהן!

די יוגענד צוגעהט זיך פאַמעליך,
דאָס הויז — ווי אַהן פייגעל א נעסט!
און דאָ וואו געווען איז ערשט פרעהליך —
אַן אומעט, א דריקענדער פרעסט!...

מיין היים.

(אן ענטפער צו די „זוכער" אַ היים פאר אידען)

כ'בין אַ שטעדטעל'דיגער איד
און איך שעם מיך ניט דאָס זאָגען,
און איך קען עס ניט פערטראָגען,
ווען זיי זאָגען מיר, אַז ניט!

דאָרט האָב איך פערבראכט פיעל יאָהר
אין אַ זויבער קליינעם שטיבעל;
איך ווער בייז און האָב פעראיבעל
ווען איהר רופט עס גלות גאָר!

איך האָב ליעב מיין אלטע היים
און איך זאָג עס אייך אויסדריקליך,
אַז געשפּיעלט האָב איך זיך גליקליך
ביי די פריזבעליך פון לעהם.

„מילך און האָניג" — יאָ געווים,
אַלץ איז אין דער היים געוועזען,
ניט אין חומש בלויז געלעזען.
מילך און האָניג — אך ווי זים!

„אהן אַ לאנד בין איך" — נישט וואָהר!
דאָס וואָלט דאָך געווען אַ בושה!
אונזער שטיבעל איז בירושה
פון אַן אַלטער זיידען גאָר!

אין מיין שטעדטעלע די שוהל —
הערט און שטוינט און בלייבט פערוואונדערט ! —
שטעהט שוין יאָהרען זיעבען הונדערט
און מיט קדושה איז זי פול.

אחן טראַדיציעס, זאָגט איהר, — ניין !
ס'איז אַן אויסגעטראַכטע מעשה :
פרייטאָג עסט מען בולקעס ווייסע,
שבת עסט מען פיש מיט כריין !

אָדר.
(א היימיש בילד)

ס'איז דער אדר שוין געקומען,
אויס פון פראָסט און קעלט צו שווידערן!
און די וואסערליך זיי ברומען
און זיי רוישען און זיי פּלוידערן.

פון די דעכער קען מען הערען
ווי די טראָפּען טריפען, פליעסען;
און עס דאכט — דאָס זענען טרערען,
פריידענס־טרערען דעכער גיעסען.

אויף די פריזבעס, אין די הויפען
שפּיעלען „רייזעליך", אברהמלעך",
און זיי האנדלען און זיי קויפען
אין די בלומרשט'דיגע קרעמלעך.

און די זון זי ווינקט פון הימעל:
כ'וועל אייך שיקען שטראהלען הייסע,
האנדעלט שטיל נאָר, אָהן געטימעל
און ניט שלאָגט זיך, ווי די גרויסע.

אָנשטאָדט געלד — האָט איהר גאָר שערבלעך —
וואָס־זשע זאָל אייך, קינדער, ארען?
מיט די עכטע געלד, די קערבלעך,
שפּיעלען זיך די „גרויסע" נארען . . .

די ווינד-מיהל

אך, וואו איז די ווינט־מיהל פון צייטען פון אלטע,
פון גוטע, אמאליגע יאהרען,
וואס האט אזוי פריינדליך געגריסט מיט די פליגלען,
בשעת מ'איז פערביי איהר געפאהרען !

א זאמדיגער וועג און דער שטויב שטעהט אין זיילען,
די זון שטעהט אין הימעל אין טיעפען,
דאס פערדעלע לויפט זיך און שפרינגט און טאנצט־אונטער
אזוי ווי געוואלט וואלט ער שטיעפען !

דערזעהסטו די ווינט־מיהל אין פעלד פון דער ווייטען,
אן איינזאמע, הויכע און טריעבע ;
זי גריסט דיך מיט וועה און עס דאכט זיך זי בעט זיך
א ביסעלע פריינדשאפט און ליעבע . . .

אליין נעבעך שטעהט זי, אהן בוימער, אהן שאטען,
אליין אין דעם פעלד אין דעם שטילען.
אך, וואלט דאך איהר חבר, דער ווינט, איצט געקומען
מיט איהר זיך אביסעל צו שפיעלען !

אך, האט זי געבענקט נאכ'ן ווינט, נאכ'ן גוטען,
וואס זאל זי אביסעל דערפרעהען,
ער זאל איהרע פליגעל, די עלענדע פליגעל
אומארמען, זיי זאלען זיך דרעהען.

און זאָל זי אים שטאַנד זיין דאָס מעסטעלע קאָרן
צעמאַלען פאַר'ן אָרימען פויער . . .
און פלעגט אַמאָל לענגער דער ווינט זיך פערזאַמען
אין ווינט־מיהל געשטאַנען פול — טרויער . . .

פּסח.

גאַנצערווינטער אין מיין הארצען
איז געווען גליטשיק, חשך.
ס'האָט דער פריהלינג זיך בעוויזען
און אין הארצען איז איצט פּסח . . .

אויסגערוימט פון דאָרט דעם חמץ,
אַליץ, וואָס ס'איז געווען זויער.
אויסגערוימט די שימעל־זאָרגען
און דעם אַלטען, קאַלטען טרויער.

כ'פּיהל אַ סדר אין מיין הארצען,
ריין און ליכטיג גאָר אַ וואונדער:
קום, מיין ליעבסטע, אין מיין הארצען —
זיי די מלכה דאָרט אצונדער! . . .

דאָס טייכעל

ווי שעַן איז געוועזן דאָס טייכעל,
וואָס האָט זיך אין שטעדטעל געפּונען;
ביי'ן ברעג איז א בוימעל געשטאַנען
און האָט זיך חלומות געשפּונען.

ווי קליין איז דאָס טייכעל געוועזען
און רוהיג איהר וועג זיך געגאַנגען;
און קיינמאָל געהאַט קיין בעגעהרען
דעם ים, דעם אוקינוס, דערלאַנגען.

אַ רוהיגע, שטענדיג אַ שטילע
און קיינמאָל ארויס פון די ברעגען,
און האָט ניט געשטורעמט אויף דעמאָלט
ווען פול פלעגט איהר מאַכען דער רעגען.

האָט קיינמאָל קיין מענשען דערטרונקען,
האָט קיינעמס קיין לעבען פערנומען . . .
אַ פריינדליכע פלעגט זי עמפּפאַנגען
אַ יעדען, וואָס פלעגט צו איהר קומען.

שפוך חמתך.

שפוך חמתך על הגויים !
די, וואָס האָבען ניט פערשטאַנען
יענע גאולה פון מצרים,
די בעפרייאונג פון טיראַנען !

וואָס זיי האָבען דיך געצוואונגען
אין די קעלערן און הייהלען
זיך בעהאַלטען און פון פרייהייט
זייַנע קינדער צו דערצעהלען . . .

שפוך חמתך על הגויים !
וואָס פערשטעהען ניט גאָטס נאָמען,
און דער פסח און דער פריהלינג
דיענט א צייכען פאַר פּראָגראָמען . . .

ווייל זיי האָבען אין די כוסות
דיר געגאָסען שרעק און סם,
און פערפלעקט דייַן רייַנסטען יום־טוב
מיט א בייז־עלילת־דם . . .

שבת אין ניו-יאָרק.

דער פאָטער קומט פרייטאג פארנאכט
פון פינסטערען שאפ אזוי מיעד;
נאָר ס'האָט זיין נשמה ערוואכט
און זינגט שוין איהר שבת'דיג ליעד.

די מוטער, די אָרעמע פרוי,
— צוקנייטשט פאר דער צייט דאס געזיכט —
צוזיפצט זיך: ס'איז שפּעטער שוין אזוי,
און נעהמט זיך צו צינדען די ליכט...

די קינדער — דערצוויגען שוין דאָ —
פערשפּיעלטע אין „באָל" און אין „פייט",
דערפיהלען די הערליכע שעה
און ס'קוקען די אויגעלעך ווייט...

עס שוועבט פאר די אויגען די היים —
פערגעסען, פערגעסט זי זיך ניט!
און ס'דאכט: עס צעבליהט זיך דער בוים
אויף מעדיסאָנס שטיינערנע סטריט.

עס ציהט זיי.

עס ציהט זיי צום שורש, עס ציהט זיי צום שטאם,
די אָרימע ברידער פון יענער זייט ים.
עס רוישט און עס ברויזט די געפונענע וועלט,
די נייע, די פרייע, אויף גיך אויפגעשטעלט.
עס ציהט זיי צו אונז און אונז ציהט צו זיי,
און קראנק זיינען ברידער אין וועלט־טיילען צוויי . . .

שטערען

(פראגמענט פון אַ פּאָעמאַ).

איך געה אין די רוישיגע
גאַסען פון שטאָדט:
די נאכט איז בעלויכטען —
ווי ליכטיג — מיין גאָט!

עס בלענדעט די אויגען
עלעקטרישע ליכט
און פייערען שפּריגנען
אַרום דיין געזיכט.

אַנאַנסען . . . אַנאַנסען
אויף דעכער גאַנץ הויך,
און איבער די דעכער
די פייערען אויך.

און איינע אַ מיידעל
פון פייער געמאכט,
זי טאַנצט אויף אַ לייוועגט,
זי טאַנצט און זי לאַכט.

און זונען און שטערען
פון מענשליכע הענט! —
איך האָב מיך צום הימעל
צום אָרמען געווענדעט:

אין וואָלקען פערבארגען
האָט ער זיין געזיכט
און שעמט זיך צו ווייזען
זיין אייגענע ליכט.

איך האָב אָן מיין שטערטעל
מיין היים באלד דערמאָנט:
און איז מיר געוואָרען
ווי ליעב און ווי נאָהנט!

די פינסטערע געסליך,
די לאָדען פערמאַכט,
עס הענגט איבער שטיבלעך
די דונקעלע נאַכט.

עס שלאָפען דאָרט אלע
אין קוויקענדע רוה...
דו גייסט מיט דיין מיידעל
און טוליעסט זי צו.

דו זעהסט ניט איהר פּנים
און זי זעהט ניט דיינס,
אייך הויבט זיך אָן דאכטען:
איהרביידע זענט איינס.

מען זעהט ניט קיין הייזער,
מען זעהט ניט קיין וועג;
נאָר שטערענדליך אויבען
זיי ווייזען א שטעג.

דו הויבסט דיינע אויגען
צום הימעל ארויף —
פערזעעט איז דער הימעל
מיט שטערען — אָהן סוף!

די שטערען די ווייטע,
זיי ווערען דיר נאָהנט;
מיר זיינען מיט פיעלע
פון לאנג שוין בעקאנט.

און קומט אַז דער שבת,
קומט אַז און פערגעהט...
דיין מאַמע דיין ליעבע
ביי'ן פענסטער זי שטעהט.

זי קוקט אויפ'ן הימעל
און מורמעלט דערביי:
עס האָבען בעוויזען
זיך שטערענדלעך דריי.

ניין, איך וועל אהיים ניט פֿאָהרען —
כ'שעם מיך ווייזען מיינע יאָהרען
פאַר מיין געסיל, פאַר מיין שמיבעל —
האָבען וועלען זיי פאַראיבעל....

אח, זיי האָבען מיר ערצויגען
מיט א העלען בליק אין ד'אויגען:
און זיי האָבען מיר געגעבען
מוטה און שטאָלץ צום וועג פון לעבען.

אויך האָב איך ביי זיי גענומען
קוואַלען ליעדער, האָפנונגס־בלומען
און א קאָפּ — געקרויזט, א שווארצען.
און פול ליעדער אין מיין הארצען...

און זיי וועלען מיר יעצט פרעגען:
וואָס האָסטו געטהאָן אין וועגען?
זעה ווי מיעד דו ביזט, פערמאטערט,
אלץ פערשווענדעט, אלץ געפּאַטערט!

אין א גאַס אין מיטען שטאָט.

אין אַ גאַס אין מיטען שטאָדט
ליעגט א נעץ געביידען ;
ס'וואָלטען פיעלע לייט געוואָלט
די געביידען — מיידען . . .

קיינער שיקט די לייט אהין
דאַרטען צו פערשפּארען ;
ניין, זיי לויפען אין דער פריה
גאַר אליין די נארען . . .

גאַר אליין זיי שטעהען אויף,
ווי עס הויבט אָן טאָגען
און פון אַלע עקען שטאָדט
נעהמען זיי זיך יאָגען.

וואָלטען זיי ווי אנדערע
קלוג אזוי געוועזען,
וואלטען זיי אין קוהלען פּארק
זיצען איצט און לעזען.

אָדער אין דער היים א בוך,
(דאָס וואלט אויך דערלאנגען
זיי א דיענסט) שפּאַצירען גאַר
וואָלטען זיי געגאנגען.

אָדער אין אויטאָמאָבילס
וואָלטען זיי אומפליהען —
נאַרען אָבער מוזען דאָך
שטונדען ניין זיך מיהען.

ניין א האַלבע אייגענטליך —
מ'דאַרף דאָס נים פערגעסען:
יעדער נאַר האָט אויסגעקעמפּפט
אַ האַלבע שעה אויף עסען.

בלויז א האַלבע שעה, אויב מעהר
ווערגט זיי שוין דער ביסען;
טאָמער לענגער עסט דער נאַר
ועט דער קלוגער וויסען.

פון די קלוגע איז אַן אוהר
אַזאַ מין געשאַפען,
צייגט ער באַלד: פערשפּעטיגט האָט
איינער פון די שקלאַפען . . .

און אַז ס'קומט די ענדע וואָך
ווען מען צאָהלט צו ביסליך
רעכענט מען די רגעס אָפּ —
און דאָס איז פערדריסליך . . .

אין די ווייטסטע לענדער.
(אידישע הימן).

אין די ווייטסטע לענדער
זיינען מיר צושפרייט —
יעדער טייל א רינגעל
אין דער לאנגער קייט.

ביי די אלע טייכען,
נישט פון בבל בלויז,
זיינען מיר געזעסען
זוכענדיג א הויז.

איצטער איז אונז טייער
גאר די גאנצע וועלט.
ס'שטעהט ביי ווייטסטע ברעגען
אונזערם א געצעלט . . .

איצטער איז אונז טייער
ווייכסעל און דער רהיין
און דער ברייטער דניעפער
רוישט אונז אויכעט שיין . . .

און דער פרייער האדסאן
ווינקט אונז פריינדליך צו
(דא, ביי זיינע ברעגען
קריגען מיר ערשט רוה !

וועלכע ליעד מיר הערען
איז בעקאַנט דער טאָן,
וועלכער טייך עס ריזעלט
וועהט א בענקשאפט אָן.

וועלכע פאָהן עס פלאַטערט
גריסט זי אונז בעקאַנט,
וועלכע שיף עס זעגעלט —
צו אַ ברודער'ס לאַנד!

באלאדען און מעשה׳לעך

די גאָלדערנע קייט.

(צום אָנדענקען פון י. ל. פּרץ.)

אַמאָל איז געווען אַ גאָלדענע קייט,
ביי'ן פאָלק ביי דעם אַלטען,
ווער האָט דען געוואוסט וואו געלעגען איז זי
פערשטויבט און בעהאַלטען.

אַ טייל פון דעם פאָלק פערגעסען האָט לאַנג
זיין גרויסען פערמעגען,
און יאָהרען זיי זיינען פערגאַנגען, די קייט
אין שטויב איז געלעגען.

דאָס פאָלק האָט צו פרעמדע געשטרעקט זיינע הענד,
ביי פרעמדע גענומען,
און יענע, זיי האָבען פעראַכט אונז דערפאַר —
ביז ער איז געקומען.

ער האָט אויסגעזוכט אונזער גאָלדענע קייט
פון דונקעלע ווינקלען,
ער האָט זי דערלאַנגט אונז . . . ווי ניי אויסגעשמיעדט
מיט אייביגען פינקלען.

עס האָט זיך דערוועקט אונזער יוגענד און שטאָלץ
ביי יעדען בעזונדער . . .
די גאָלדענע קייט איז בלויז איינער געווען
פון פיעל זיינע וואונדער...

צוויי ברידער.

אזוי און אזוי זאָל די מעשה זיך לעזען:
עס זיינען פערצייטען צוויי ברידער געוועזען.
אן עושר איז איינער געוועזען, דער אנד'רער
אן אָרימער מענשעל, אַ שטענדיגער וואנד'רער.
האָט איינמאָל דער ארמער געבראכט זיך צושלעפּען
צום ברודער צום רייכען — עס קען זיך נישט קלעפּען!
געוואָרען איז פול נאָר די הערצער בייביידען,
דאָך שווער איז געוועזען זיך פונאנדער צו ריידען.
— „וואָס מאַכסטו?" — דו זעהסט דאָך... — „וואָס מאַכסטו?
דו זעהסט דאָך!"
עס שמייכעלט דאָס פּנים — אין הארצען עס פּרעסט דאָך...
און מעהר האָבען זיי ניט געקענט עפּעס פרעגען,
ווי שטיינער וואָלטביידען אין הארצען געלעגען...
און האָבען זיך אָנגעקוקט ביידע פערשעמטע
און האָבען געשיידט זיך מיט הערצער צוקלעמטע...

ביינאַכט האָט דער רייכער גענומען בעקלערען:
פאר וואָס זאָל די רייכקייט אַליין איהם געהערען,
און יענער — זיין ברודער — אַ דאַכלאָזער, מיעדער,
זאָל וואנדערען עלענד — זיי זיינען דאָך ברידער! —
און האָט גאָר בשתיקה פון ווייב און פון קינדער
געשפּאנט פערד און וואָגען, געלאָזט זיך געשווינדער
זיין אָרימען ברודער דערגרייכען, דעריאָגען:
ער וועט איהם שוין אַלעס דערצעהלען און זאָגען...
געיאָגט האָט ער איין טאָג, אַ צווייטען, אַ דריטען,
ביז וואַן ער דערזעהן האָט אַ קרעטשמע אין מיטען.

אריין אין דער קרעטשמע דעם ברודער דאָרט קריגען.
אין קרעטשמע — האַלב טונקעל, דאָך גוט, אַ פערגניגען...
דער קרעטשמער אַ איד אזא גוטער, אַ שטילער,
ער גיט איהם אָב „שלום" און פרעגט איהם: וואָס וויל ער?
—איך וויל זעהן מיין ברודער—„אַט שלאָפט ער אין ווינקעל!..."
אין קאָפּ האָט דעם רייכען געטהון וואָס אַ פינקעל.
עס האָט זיך דער רייכער בעטראַכט, אז זיין ברודער
איז רוהיג און גליקליך... צו וואָס דער געדודער? . .
וואָס איז ער געקומען מיט איהם זיך צו טיילען?..
דאָס גליק פון דעם מענשען איז טיעף דאָך פערהיילען . . .
אַ פּאַלאַץ, אַ קרעטשמע — ווער קען אונטערשיידען,
דער עיקר די רוהע. דער עיקר דער פריעדען . . .
און ס'איז איהם געוואָרען אַ שאָד גאָר צו וועקען
דעם אָרימען ברודער אין מיטען דערשרעקען . . .
און האָט דאָרט דעם ברודער געלאָזען נאָך שלאָפען
אליין איז ער שטיל און בגנבה אַנטלאָפען . . .

די צוויבערין.

איך הער ווי אן אָבקלאנג פון פינסטערע ווייטען,
עס וועבט זיך א מעשה פון דונקעלע צייטען.
א מעשה אן אַלטע, פון חמעלניצקי׳ס טעג —
עס רוישט פון קאָזאַקען דאָס ווילדע געיעג . . .

צי האָב איך די מעשה, ווען קינד בין געוועזען
פון זיידען געהערט, צי אין ביכער געלעזען,
עס איז אזוי נאָהענט, עס איז אזוי ווייט —
זי גלויבט זיך און פּאַסט זיך אין היינטיגער צייט...

* * *

עס פליהט א קאָזאַק אויף זיין פערד,
עס טרייסעלט אונטער איהם די ערד:
און ניט אליין דער קאָזאַק רייט —
א מיידעל האַלט ער ביי דער זייט.

די האָר צופלאָסענע אין ווינד
זעהט ווי א מלאך אוים דאָס קינד . . .
דער טייוועל האַלט זי דאָך אין האַנד
און פליהען איז זי ניט אין שטאַנד.

דער קאָזאַק איז צו איהר דאָך גוט
און ווילד און ווילדער קאָכט זיין בלוט . .
ער פליהט מיט איהר אַהיים צו זיך
און זיינע ווערען דאָרף זי גיך...

און אַט איז זי אין קאַזאַקס צעלט —
אַ שטיבעלע אין מיטען פעלד
און פרעמדע בילדער אויף די ווענט
און פרעמדע ליכט אין ווינקעל ברענט . . .

דער קאַזאַק נעמט זי פאַר דער האנד ;
זי איז זיך ווערען ניט אין שטאַנד,
זי בעט זיך שטיל : לאַז אָפּ, לאַז אָפּ !
און זינקט איהר שענעם, שטאָלצען קאָפּ !

דער קאַזאַק נעהמט זי פעסטער אַן
און לאַכט : וואָס קענסטו איצטער טאָן ?
דיין היים פערוויסט מיט פייער, שווערד,
האָסט קיינעם אויסער מיך אויף ד'ר'ערד...

„ — בלויז דיך אליין ? מעהר קיינעם איצט?"..
אין איהרע אויגען פייער בליצט . . .
איהר שטאָלצער קאָפּ האָט וואָס פערטראַכט
און רוהיג ווערט זי און זי לאַכט . .

— „מיין ליעבער, הער, ווי באַלד אַזוי,
בין וויליג איך צו זיין דיין פרוי,
דאָך מוז איך זאָגען ווער איך בין :
זיי וויסען : כ'בין אַ צויבערין ! . . .

דער קאַזאַק הערט זי אויס און שטוינט :
צי האָט די זאַך איהם גאָר געלוינט ! . . .
אַ צויבערין ביי זיך גאָר אין שטיב. . .
דאָך האָט ער זי שוין צופיעל ליעב . . .

דאַן נעהמט זי אַן איהם פאר דער האנד
און זאָגט: — „דו ווייסט, איך בין אין שטאנד
פערצויבערין דיך,
עס זאָל ניט שאַדען דיר קיין קויל“....

דער קאָזאק שטעלט די אויגען אויס
און צווייפעל קוקט פון זיי ארויס;
ער גלעט דעם שטערען און ער לאַכט:
זאָג ווי אזוי וואָלסט' עס געמאַכט?

דאַן שמייכעלט זי צו איהם פערשייט:
איך האָב צו טהון מיט יענע לייט,
איך האָב אליין פער'כשוף'ט זיך
און ס'קען קיין קויל ניט טויטען מיך.

גוטמוטיג לאַכט דער קאָזאק: ניין...
דאַן ענטפערט זי, פּרוביר אליין...
אָט שטעהט דיין ביקס לאָד אָן און שיעס
און שאַדען וועט מיר ניט געוויס...

דער קאָזאק טראַכט: דאָס איז כדאי...
ער לאָדט דאָס ביקס און ציעלט זיך פריי.
דאָס מיידעל שטעהט פונקט ווי פערשטאַרט,
דאָך שמייכעלט זי צו איהם און וואַרט..

א קנאַל פון ביקס... געטראָפען גלייך...
דאָס מיידעל ליעגט אין בלוט א טייך..
דער קאָזאק פאַלט צום קערפּער צו
און קריצט די צייהן: ו ו י פ אַ ל ש ביזט דו!...

יוסף חסיד.

א.

געגאַנגען איז יוסף דער חסיד אַמאָל
אין וועג, צווישען בערג, צווישען פעלדער און טאָל . . .
אַרום איז געווען אַזוי אַנגענעהם גוט,
די ערד און דער הימעל — זיי האָבען גערוהט !
אַזוי געהט ער און געהט אין מחשבות פערטראַכט
און לויבט דעם בעשעפער, וואָס האָט אַלץ געמאַכט,
און פליסטערט א תפלה און מורמעלט א ליעד,
און געהט זיך אַלץ ווייטער, און ווערט גאָר ניט מיעד . . .

ב.

און וועלענדיג, גרייכען אַהין זאָל זיין לויב,
האָט ער צו דעם הימעל געגעבען א הויב
די אויגען די קלאָרע, ווי שפּיגעלעך צוויי — —
און פּלוצים דערזעהט ער : דער הימעל — אוי וועה ! —
אין גאַנצען אין פינסטערע כמארעם בעדעקט :
ר' יוסף איז גלויביג, דאָס האַרץ זיינס דאָך שרעקט :
ער איז שוין פערגאַנגען פון היים אַזא שטיק —
ווי געהט מען איצט ווייטער ? ווי געהט מען צוריק ?

ג.

דער הימעל אַלץ שוואַרצער און פינסטערער ווערט,
און יוסף דער חסיד א קנאַל באַלד דערהערט . . . .

דאָס דונערט . . . ר׳ יוסף א ברכה ער מאכט —
וואָס ברכה ? ווען ברכה ? — דער הימעל ער לאכט !
„שכחו וגבורתו !“ חאַ־חא ! און טראַך־טראַך !
און באלד א שלאַגס־רעגען... א שרעקליכע זאַך ! . . .
א קנאַל פון דונער, א בליאסק פון א בליץ,
און פינסטערער ווערט נאָך !... דו גאָט ! אַ, בעשיץ . .

ד

און ווי יוסף געהט אלץ אין חשך געדיכט
דערזעהט ער עס לויכט זיך אין ערגעץ א ליכט . . .
א ליכט פון א שטיבעל, וואָס רופט איהם און ווינקט . . .
ער לאָזט זיך צום ליכט און דאָס הארץ זיינס — עס שפּרינגט...
זיין פרייד איז א האַלבע . . . א העלפט איז דער צער . . .
ווייל יוסף דער חסיד, ער איז ניט קיין נאַר.
עס האָט שוין מיט גרויסע חסידים פּאַסירט
זיי זיינען פון לצים געוואָרען פארפיהרט . . .

ה.

דער חשק צום לעבען ביין חסיד ערוואכט :
וואָס וועט ער דאָ שטאַרבען אין שרעקליכער נאכט
אפילו ניט קומען צו קבורת ישראל,
פון דונער דערשלאָגען אין פינסטערען טאָל . . .
דאָרט וואוינען ניט גוטע, דאָרט הערשט גאָטעס פלוך . . .
נו. טראָגט ער דאָך ציצית... אויך האָט ער א שפּרוך . . .
דאָס וועט איהם בעשיצען פון דעם אשמדאי
ביז וואנען ער וועט ווערען מיט בורא׳ס הילף פריי . . .

ו.

כך הוה! . . . ר׳ יוסף דער חסיד ער קומט
צום שטיבעל... ער הערט ווי דארט אינווייניג ברומט . . .
ער שטעהט נאך א ווייל, ווי ער וואלט זיך בעטראכט
דאך שטורעמדיג־פינסטערער ווערט אלץ די נאכט... !
ער האט שוין קיין כח צו שטעהן אויף די פיס,
ער מאהלט, אז אין שטיבעל איז ווארעם געוויס . . .
ווען שדים אפילו... וואס קען ער איצט טהאן?
און יוסף דער חסיד אין טיר קלאפט גלייך אן!

* * *

און וואס איז געווארען מיט׳ן חסיד דערנאך?
צו האט ער געשפאנט זיך אין טייוועלשען יאך?
צו האט ער בעקומען די אמת׳ע רוה?
צו האבען די ציצית געהאלפען דערצו?
טשיקאווע צו וויסען און אינטערעסאנט . . .
נור דאס איז נאך קיינעם ביז איצט ניט בעקאנט.
דער עיקר — דער מוסר: אין צייטען פון שרעק
ועט אויב׳עט א חסיד צום טייוועל אוועק! . . .

דער גוטער קעניג און דאָס פאָלק.

אמאָל איז — דערצעהלט מען — געוועזען
א קעניג אין ערגעץ א לאַנד:
ער פלעגט אין די גאַסען פון הויפּטשטאָדט
ארומגעהן אהן וואָך ביי דער האַנד.

ער פלעגט אין די גאַסען ארומגעהן,
ווי יעדער געוועהנליכער מאַן,
ער פלעגט זיך אוועקשטעלען רעדען
אפילו מיט אַן אָרימאַן.

ער האָט זיך געפיהרט לויט זיין שכל
און לויט ווי זיין הארץ האָט דיקטירט —
און האָט ער א מיידעל בעגעגענט,
האָט אויך ער א שמועס פערפיהרט.

א נעטהאַרען מעג זיין דאָס מיידעל,
דאָס מאכט איהם צו איהר אויך ניט פרעמד;
ער פרעגט איהר: צי האָט זי א חתן?
און וויפיל זי נעהמט פאר א העמד?

געניסען פון ליעבע און גליק?
צו בלייבט איהר אביסעלע צייט נאָך
איהר ארבייט אין ענגער פאבריק?
און וויפיעל אַזייגער זי ענדיגט

און איז זי אַ דיענסט גאָר געוועזען,
אויך דאָן ניט געשעמט האָט ער זיך,
און נאָכגעפּרעגט האָט ער: ווי געהט איהר,
צי שווער איז די ארבייט אין קיך?

צי לעבט דאָרט די „הערשאַפט“ בשלום,
צי איז נאָך דער הערר ניט צו אַלט?
פערבלנדזשעט אמאָל ער אין קיך נישט,
צי שווייגט זי, צי מאַכט זי געוואַלט?

און אַנדערע פראַגען אַזעלכע,
וואָס זיינען גאָר נאַריש און קלוג:
אין גרונד דאָך גענומען: טיעף מענשליך
און אמת ערהאַבען און קלוג.

דאָך פלאָך איז אַ יעדער מיניסטער,
און פלאָך אַלע שררות אין הויף;
זיי האָבען דאָס אַלץ ניט פערשטאַנען
און האָבען געמורמעלט דערויף:

אַ קעניג, פון גאָט אַ געזאַלבטער,
זאָל זיין אַזוי מענשליך און גוט!
ווער רעדט נאָך — די קעניגען — א י ה ר האָט
געקאָכט אויפ׳ן קעניג דאָס בלוט!

נון, האָבען זיי אַלע אין איינעם
דאָס פאָלק קעגען איהם אַלץ געהעצט,
ביז מ׳האָט איהם, דעם קעניג, דעם גוטען,
פון טראָהן־שטוהל ארונטערגעזעצט.

דאָס פאָלק האָט געיובעלט, די שמחה
דערגרייכט האָט דעם הייסעסטען גראד,
ווען מען האָט איהם א קעניג א צווייטען
אין טעמפּעל געקרוינט מיט פּאראד.

עס האָבען די פּריסטער געצויגען
די גלעקער ארויף און אראָב,
ווען מען האָט איהם געזאַלבט און דעם בוימאויל
געגאָסען, געטריעפט אויף זיין קאָפּ.

עס איז ארום טעמפּעל געשטאַנען
דאָס פאָלק אין דער ברייט, אין דער לענג,
דאָך אָרדענונג האָט מען געהאלטען
און ס׳האָט זיך געפיהלט אזוי שטרענג.

מ׳האָט זיך געשושקעט: „דער קעניג
דער נייער איז גרויזאם און שלעכט“.
דאָך יעדער געוועזן איז צופריעדען
ווי ס׳קענען צופריעדען זיין קנעכט.

די דיענסט און די נעהטאָרין, ביידע,
זיי האָבען דאָ אויך ניט געפעהלט
אין נייענקע ציצענע קליידלעך
און גליקליך געוועזן ווי די וועלט.

דער פערבלאָנדזשעטער מלאך.

אין הימעל איז רוהיג, אין הימעל איז שטיל —
מלאכים, זיי זיינען ערצויגען:
די פליגעל זיי רוישען קוים־קוים וואָס מען הערט,
דער פליה איז געמאָסטען געוואויגען.

און ריידען זיי וואָס, איז עס לויטער מוזיק,
א שטילע מוזיק, אָהן געטימעל,
ניטאָ דאָרט קיין באס, און ניטאָ קיין טראמבאָן,
קיין פויקען, קיין טאַצען אין הימעל . . .

און פליהען זיי אפטמאָל א מארש דורך פאר גאָט,
(אין הימעל טרעפט אויך א פאַראַדע),
דאן מאכען די פארבען פון פאָהנען ניט בלינד, —
די רויטע — די פעהלט דאָרט אוואדע . . .

מען זינגט דאָרט קיין ליעדער פון פרייהייט, פון קאמפף,
עס זיינען ניטאָ דאָרט קיין מאסען:
עס זשומט בלויז א „קדוש" דער הימלישער כאָר
און ס'יובל'ען די הימלישע גאסען.

*   *   *

זיי הערען אמאָל א גערים פון דער ערד,
דאָן הויבען זיי אָן זיך צו שעמען:
זיי הערען פון רויב און זיי הערען פון מאָרד,
און קענען עס דאָך ניט בענעהמען.

זיי ווענדען זיך דאן צו דעם איינציגען מאן,
וואס האט אויף דער ערד זיך ערצויגען —
אליהו הנביא — זיי פרעגען איהם אויס
און קוקען איהם טריי אין די אויגען.

אליהו הנביא — ער שמייכעלט אין באָרד:
איהר זייט דאָ אזעלכע נאאיווע! . . .
און לעגט פאר זיי אויס דאן דאס לעבען אויף דר׳ערד,
אזוי ווי א ראָש פון ישיבה.

זיין שטימע זי הויבט זיך, זיין שטימע זי פאלט,
דאָ בייז און דאָ זאנפט, ווי צום בענשען;
אן אנדערער ווערט אליהו ווען ער
דערצעהלט זיי פון ערד און פון מענשען.

עס הויבען זיך אָן ביי מלאכים פאר שרעק
א פליעגעל אָן פליעגעל צו פאָכען,
אזוי ווי להבדיל ביי מענשען די צייהן,
אזוי ווי ביי די מענשען די קנאָכען . . .

דאָך קומט ערב פסח און ס׳קלויבט זיך אין וועג
אליהו הנביא גאנץ מונטער,
דאן זיינען גאָר מאנכע מלאכים פערבענקט
און קוקען אראָפּ אלץ, ארונטער . . .

די יונגערע מאכען דעם וואָגען איהם גרייט,
א וואָגען פון פייער און בליצען,
און בעטען איהם אויס׳עט מיט שטראהלען און שיין,
בעקוועמער זאָל זיין איהם צו זיצען.

דער וואָגען איז פערטיג, אליהו איז גרייט,
ער גריסט זיי: אויף ווידער זעהן, קינדער!
און לאָזט זיך אויף דר'ערד צו די סדרים אראָפּ,
און טראָגט זיך געשווינד און געשווינדער.

ער קוקט זיך ארום, ערשט א מלאך ביי'ן זייט
פון וואָגען זיך האָט אָנגעהאָנגען,
די ווייסינקע פליגעל צוקנייטשט און פערשטויבט —
די אויגען פול תאוה, פערלאַנגען . . .

אליהו הנביא, ער זיפצט דאָן: וואוהין?
דו ועסט אויף דער ערד זיך פערלירען,
פערפאַלען! איך האָב שוין אויף דיר מעהר קיין רעכט,
אין הימעל צוריק דיר צו פיהרען.

ער לאָזט איהם אראָב אין א שטאָדט אין דער פרעמד
פערוואַנדעלט אין מענשליכע קליידער . . .
אין הייזער איז ליכטיג . . . עס קלינגט „כל דכפין!" —
מען פראַוועט דעם פרעהליכען סדר.

דער מלאך ער פיהלט זיך אין גאַנצען שוין מענש,
און הויבט אָן באלד הונגער צו שפירען;
ער לאָזט זיך מיט שמחה וואו ס'קלינגט כל דכפין:
אָ, וואונדער! פערשפּארט אלע טירען!

פערשטעהט ער קיין לשון־הקודש דען ניט?
צי זאָל ער די מענשען ניט גלויבען?...
און הונגעריג שטעהט ער מיט בענקשאַפט איז בליק
אוז קלאָגט זיך פאר גאָט, דאָרטען אויבען . .

און הונגעריג שטעהט ער מיט בענקשאפט אין בליק
און הויבט אָן דאָס ערשטע מאָל פלוכען,
און לאָזט זיך אין גאסען און מארקען ארום
אליהו הנביא צו זוכען . . .

אַלס זינדיגער מענש איז ער ניט אין שטאַנד
אליהו'ן דערזעהן! שוין פערפאַלען!
אזוי ווערט דער מלאך אלס אָרימער מענש
וואס ווייטער אַלץ מעהרער געפאַלען . . .

ער ווערט אויף דער ערד דאָ פערשפּאָט און פערלאכט
און קיינער פערשטעהט ניט זיין וועזען,
און אומעדום שטרויכעלט זיין פוס און ער פאַלט — — — —
ער איז דאָך א מלאך געוועזען! . . .

די צוויי ראַדיקאַלען.

(ניו־יאָרקער באַלאדע)

ערב פּסח. העל און ליכטיג
און דאָס לעבען שלאָגט מיט קוואַלען;
אין קאַפע־הויז ביי אַ טישעל,
זיצען זיך צוויי ראַדיקאַלען.

מיט פערבענקטע שטומע בליקען
קוקען ביידע זיי זיך איבער,
באַלד דאַרף אָנקומען דער אווענט,
און זיי ווערען טריב און טריבער.

ביידע זעהען זיי אַ סדר
פאַר די אויגען פּרעכטיג, הערליך;
אָבער רעדען וועגען סדר,
איז פאַר ביידען גלייך געפעהרליך.

„ס'קען „ארויסגעבען" דער חבר
באַלד מיין אידישקייט, וואָס וויים איך?
טראַכט זיך איינער ווי דער צווייטער —
און זיי רעדען ניט פון פּסח...

זיצען לאַנג די ראַדיקאַלען,
ביז דאָס שווייגען ווערט זיי פּיינליך;
— געהט איהר ערגיץ היינט אין אָווענט?
— אין טעאַטער העכסט וואַרשיינליך.

— אין טעאַטער — זאָגט דער צווייטער —
בין איך נעכטען שוין געוועזען.
איך וועל אין דער היים היינט בלייבען,
כ'האָב אַ וויכטיג בוך צו לעזען.

און זיי קוקען אָן זיךביידע
ווי זיי וואָלטען וואָס פערשטאַנען;
ווי אַמאָל דאָרט אין טאָלעדאָ
צוויי אונגליקליכע מאַראַנען...

דער איד מיט'ן קרייץ.

צוויי מאָנאַט איז יוסף — אַ העלד אַ סאָלדאַט —
אין מאָסקווער שפּיטאָל אָבגעלעגען;
געקומען צו זיך נאָך די וואונדען און באַלד
מען הויבט אָן אַ שאלה צו פרעגען:

ווער איז ער, דער העלד מיט'ן קרייץ אויפ'ן ברוסט,
געהערט ער צום אידישען גלויבען?
אַ איד איז דער העלד מיט'ן קרייץ און מען קען
איהם בלייבען דאָ מעהר נישט ערלויבען.

נאָך ש ו ו א ך איז דער איד מיט'ן קרייץ אויף דער ברוסט,
מוז רוהען אַ צוויי דריי מאָנאַטען —
נו, וועט מען איהם שיקען צוריק אין דער היים
אין אידישען תחום, צו זיין טאַטען...

דאַן ענטפערט דער איד מיט'ן קרייץ אויף דער ברוסט:
מיין טאַטע אין קריג איז געגאַנגען;
צי לעבט ער נאָך ערגיץ, צי ליעגט ער וואו טויט?
צי אפשר ביי'ן שונא געפאַנגען?...

דאַן טראַכט מען אַ מיטעל: עס איז דאָך־געווים
אַ מאַמע, א שוועסטער געבליעבען?
און ס'ענטפערט פערביטערט דער העלד מיט'ן קרייץ:
מען האָט זיי פון דאָרטען פערטריעבען...

„נו, איז דאָך געבליעבען א הויז מן הסתם!" —
דאָ ווישט זיך דער העלד אוים די אויגען:
דאָס הויז האָט א קריסטליכער שכן פערכאַפּט
און האָט דאָרט אריין זיך געצויגען...

— „אַזוי איז די מעשה... ווי באַלד אַז דו האָסט
אין ערגיץ קיין היים איצט, מיין ליעבער, —
־אָן מוזען מיר שיקען דיר זוכען דיין פּלאַץ
צוריק אין די גראָבענס און גריבער"...

און שטיל איז געוואָרען דער אידישער העלד
און מעהר ניט געהאַט וואָס צו זאָגען, —
געוואָרפען א בליק צו דעם קרייץ אויף דער ברוסט,
און האָט זיך ג ע ש ע מ ט איהם צו טראָגען...

די קעלנערין.

(אַ ניו־יאָרקער בילד)

...ס'איז אַ רעסטאָראנט, וואו ס'קומען
זאַטע מענשלעך ווערען זאַט,
יענע הערן די בעקאַנטע,
געראַזירטע ריין און גלאַט...

פון די אויגען וועהט אַ קאַלטקייט
און עס דאַכט זיך, דאָרט וואָס פריהרט...
פונקט אַ בארבער וואָלט פון הארצען
די געפיהלען אויסראַזירט...

דאָך דערלאַנגט די שעהנע בעללאַ
זיי דאָס עסען, צו דעם טרונק,
פלאַמט אין זיי'רע לעערע הערצער
אויף אַ ווילד־בעסטיאַלער פונק.

„אַפּעטיטליך!" — פליסטערט איינער
צו דעם צווייטען, ווען ער פרעסט,
און זיי שלינגען זי מיט בליקען,
יעדען קעהר פון איהר און זשעסט.

אָבער בעללאַ האַסט זיי אַלע,
דען זי קען זיי אַלע גוט!
דאָך אַ קעלנערין איז בעללאַ,
איהרע פליכטען בלויז זי טהוט!

און זי שמייכעלט יעדען גאסט צו,
אפט פערבייסענדיג די ליפ,
אך, די „ווײדזשעס" זיינען קליינע
און דער עיקר איז דער „טיפ".

יעדער שמייכעל איז א ניקעל,
פון צוויי שמייכלען ווערט א דיים —
אזוי האנדעלט זי מיט שמייכלען,
ביז זי געהט ביי נאכט אהיים.

אין איהר איינזאם־קליינער צימער,
וואלט זיך וויינען איהר געוואלט,
נאר עס לוינט ניט: ס'האט פאר טרערען
קיינער איהר נאך ניט בעצאהלט.

סטרייק.

אין די הייזער הערשט שוין נויט,
קליינע קינדער שרייען ברויט!
און די גרויסע אין די ווינקלען
זיצען און די טרערען פינקלען
און אַ קינד ליעגט קראַנק אין וויעג —
דאָך מיר דולדען ביז׳ן זיעג!

אין די הייזער ארמוט שוועבט
און די אַלטע שפּין זי וועבט
אויף דאָס נײַ שוין די געוועבען
און פול פּחד קוקט דאָס לעבען
און דער טיש איז ניט געדעקט —
דאָך דער קאַמפּף איז ניט געעקט!

אונזער ארמוט האָט דערשפּירט
פון דער וואָהנונג אונזער ווירט
און וואָס איז דער שלעכטער אויסען?
צאָהלען אָדער ליעגען דרויסען
אויפ׳ן רעגען אויפ׳ן ווינט —
דאָך דער קעמפּפענדער געווינט!...

א געזאַנג צו קעמפּפערינס.

וועלכע פאַהנען פלאַטערן
ווי אַ ים אַ ברויזענדער?
וועלכע טריט עס הערען זיך
פון די צעהנדליג טויזענדער?

עפּעס הער איך זינגענדיג
ליעדער קיין געוועהנליכע,
און ווי קומט בעגייסטערונג
אין די טעג די קליינליכע?

העי, דער מארש, דער איידעלער
איז אזוי בעדייטענדיג,
פונקט בת־מלכות, ווען פאַראוים
פאַהרט די מלכה רייטענדיג!

וועלכע אויגען שטראַהלען עס
אזוי לוסטיג בליקענדיג,
וועלכע שטימען שאַלען עס
אזוי העל־ענטציקענדיג?

קענט איהר אונז'רע שוועסטער ניט?
די אין שעפער טרויערען?
איצט אין קאַמפּף מארשירען זיי
צו די פרייהייטס־טויערען.

נעהמט מיך, פריינדינס, מיט מיט אייך
ד'בין א ברודער אייערער,
אונטער פרייהייטס־פאהן זייט איהר
שענער נאך און טייערער!

דער שונא

אין א גראָבען ביי פּשעמיסעל,
אָבגעריסען, אָבגעשליסען,
רוהט זיך אוים'עט א סאָלדאַטעל
נאָכ'ן לאַנגען שווערען שיעסען.

א געבוירענער פון קאָוונא,
שטיל געפיהרט דאָרט די געשעפטען;
איצטער שלאָגט ער מיט'ן פיינד זיך
מיט די לעצטע, לעצטע קרעפטען.

אך, ער ליעגט דאָ אין די גריבער
לאַנגע טעג און לאַנגע וואָכען,
דאָך די פעסטונג וועט מען נעהמען!
האָט דער קאָוונער איד בטחון.

יאָ, ער מוז, ער מוז זי נעהמען,
דען די שטאָדט איז לויטער אידען;
און אַ אידען איצט דערזעהען —
אך, ווי וואָלט ער זיין צופריעדען!

ס'וואָלט דער „ראָטנער" אָבגעלאָזט איהם
זיכער אויף א טאָג א גאַנצען;
אך, ער וועט צו זיינע ברידער
לאָזען זיך מיט פרייד און טאַנצען.

און ער וואָלט דעם ערשטען אידען
גלייך אריינגעקוקט אין ד׳אויגען,
און ער וואָלט מיט גרויסער ליעבע
ברייט די האַנד איהם אויסגעצויגען.

ס׳וואָלט דער איד זיך ווי דערשראָקען
און פערוואונדערט ווי חלום:
אַ סאָלדאַט פון בייזען רוסלאַנד
גיעט אין גאַס איהם אָב גאָר „שלום!"

וואָלט ער איהם צוריק געשמייכעלט:
„מאַכט, ר׳ איד, נישט קיין געררודער;
טאַקע... יאָ... איך בין פון רוסלאַנד,
אָבער איך בין אייער ברודער.

טעג און נעכט אין הייהל געלעגען,
פונקט ווי חיות ניט ווי מענשען;
האָב דעם טויט געקוקט אין פּנים —
וואָלט איך וועלען גומל בענשען".

וואו זשע איז דאָ אַ בית מדרש?
וועט ער שמייכלענד פרעגען ווידער:
„און אַ מוכר ספרים ווייזט מיר,
קויפען מוז איך ב׳איהם אַ סדור".

„און אַ נייעם ארבע כנפות
דאַרף איך נויטיגער נאָך האָבען,
טאָמער פאַל איך, זאָל מען וויסען,
צווישען אידען מיך בעגראָבען..."

אָבענד-געדאנקען.

אַ קאָרטען-ליעדעל.

פערשפּיעלט האָסטו אַלעס, שלימזל,
זיי האָבען די קאָרטען געזעהן;
אַריינגעקוקט שטיל און בגנבה
און ס'קאָן קיין געווינס ניט געשעהן.

און אויב דו בעהאַלטסט זיי, אפילו —
אַן פּנים דערקענט מען די צאָהל;
קיין קעניגין לאַנג ניט געהאַט שוין —
אַ ניינטעל, אַן אונטער אמאָל...

און וואָלסטו די שפּיעלער דערשרעקען
און מאַכען זיך מוטיג און גרויס;
די באַנדע איז קלוג און בעמערקט דאָך,
אַז ס'פעהלט דיר דער קעניג, די טויז...

עס לאַכען די שפּיעלער ביים טישעל
און קוקען מיט חוזק דיך אָן,
און מורמלען ביים טישעל פעראַכטליך:
ער האָט בלויז צו שפּיעלען א י י ן קאָהן!...

אין אַ פרעמדען לאַנד.

(פריי נאָך לענוֹא.)

אין אַ פרעמדען לאַנד די רויז,
האָב איך אָבגעפּליקט זי,
ליעבע מיידעל מיינס, דיר בלויז
וואָלט איך איצט געשיקט זי.

דאָך ביז גרייכען וועט דיין הויז,
ווייט פאַר הונדערט מיילען,
וועט די רויז שוין ווערען אויס —
דען די רויזען איילען...

אַ גרוס.

און זאָלסטו דאָס לעבען בעטראַכטען
מיט רוהיגע, שטילע געדאַנקען,
ווערסט אַלע פערגנינגען פערלאָזען
און געהן צו בעזוכען אַ קראַנקען.

ער ליעגט דאָרט פערגעסען און איינזאַם,
פון וועלט און פון פריינד אָבגעריסען;
דערצעהל איהם, אז אַלע דאָ, אַלע —
מיר לאָזען איהם הארצליך געריסען.

דו זאָלסט מיט אַ שמייכעל אַ גוטען
ביי'ן בעט איהם צוקאָפּענס זיך זעצען,
און ווערט ער דיך פרעגען — דערצעל איהם:
מיר זיינען פערפּלאָנטערט אין נעצען.

מיר קענען זיך קיינמאָל בעפרייען
פון שווערען און לעערען גערודער;
און שטענדיג אונז פּלאָגט דער געוויסען:
ס'ליעגט ערגעץ אַ קראַנקער, אַ ברודער...

אין דער שפּעטער שטונדע.

אין דער שפּעטער אבענד־שטונדע
ווען דו געהסט אליין,
דאכט זיך, אז פון יעדער חורבה
טראָגט זיך א געוויין.

דאכט זיך, אז פון שווארצען גאַרטען
וואו ס'איז טריעב און קאלט,
קוקט ארוים דורך בוים און צווייגען
עפּיס א געשטאלט...

דאכט זיך, אז דיין פריינד, דער גוטער
נאָך פון אלטע טעג,
איז פון קבר אויפגעשטאַנען,
געהט דיר נאָך דיין וועג.

און דו לאָזט זיך לויפען גיכער
און עס העלפט נישט דאָך,
ווען דער טויטער איז נאָך פלינקער
און ער יאָגט דיך נאָך...

די נאַכט.

די נאַכט איז דאָן לאַנג
געוועזען און באַנג
און שטיל, אָהן אַ קלאַנג.

נאַר אָפט פלעגט אַ ווינד
אַ רויש טהאָן געלינד
ווי'אַ קרענקליכעס קינד.

איך האָב מיך דערפרעהט:
אַ פריינד אפשר געהט,
כ'בין קושען איהם גרייט!

איך ווארט און איך הער —
ס'איז ניט געוועזען ער —
אַ ווינד און ניט מעהר!...

צום רעגענדיל.

רויש, רעגענדיל, רויש אין די שויבען,
פערוויעג מיך מיט טרעהרען פון הימעל:
כ׳וויל רוהיג אביסעלע בלייבען
און אלעס פערגעסען אין דרימעל.

רויש, רעגענדיל, כ׳פיהל מיך געגעזען,
ס׳איז ליעב מיר דיין ניגון צו הערען:
דאס ליעד פון מיין מאמען געוועזען
איז אויך גאר אהן ווערטער, בלויז טרערען...

ברען אוים.

ברען אוים, א, לעבען מיינס, ברען אוים!
דער דאַכט געבליבען איז ניט גרוים:
זאָל ליכטיג זיין די לעצטע טעג —
צום לעצטען וועג!...

ניט גוסס, לעבען מיינס, ניט צאנק,
פערשווינד, ווי פריהלינגס א געדאנק...
איך וויל ניט קארגען... כ'האָב עס פיינט!
זאָל ליכטיג זיין איין היינט!

חלומות.

כ'האָב געהאַט חלומות
שעהנע יונגערהייט...
אַך, ווי מיאוס האָט זיי
ס'לעבען מיר בעשיידט...

אויף די טרוימען־פליגלען
האָב איך הויך געשוועבט,
אויף געגרינגטע בערגער
האָב איך פריי געלעבט.

אָפט בין איך פערפלויגען
ביז דער העלער זון,
און פערבלענדט געוואָרען
און פערפיהרט דערפון...

און פערברענט די פליגלען
פון דעם שעהנעם טרוים;
בין צו דר'ערד געפאַלען,
און איך אָטעם קוים...

איינזאמקייט

אַ פערוואָרפען וועלדעל,
ערגעץ אין דער זייט;
אַך, ווי ציהט אַהינצו
אין דער איינזאמקייט!

דאָרטען זעץ זיך נידער —
קיינעם נעהם נישט מיט
און דעם קאָפּ געבויגען
זינג דיין איינזאם ליעד...

צווייגען שווייגען רוהיג,
שאָקלען מיט קיין בלאַט,
און דו ביסט דאָך עלענד
און פון לעבען מאַט.

שטערען וועט דיך קיינער
אין דיין שטילען טרוים;
דען ווי דו איז איינזאם
דאָרטען יעדער בוים...

* * *

ווי גרוי זיי זיינען אַלע,
ווי וואָכעדיג און קליין;
זיי זיינען מיינע ברידער —
איך וויל עס ניט פערשטעהן!

וואָס זאָל איך מיט זיי רעדען,
מיט זיי, בשעת איך זיץ?
איך קאָן זיי נאָר דערלאַנגען
פון פינגער קוים די שפּיץ!

איך האָב פאַר זיי קיין ליעבע,
איך האָב פאַר זיי קיין האַס;
מיך ציהט צום שטילען גאָרטען,
און זיי צום מאַרק און גאַס

נו, שיידען מיר זיך ברידער,
אהין ווערטער, שטיל און שטום
איך וועל אמאָל פון גאָרטען
אייך צושיקען א בלום!...

עס דאַכט מיר...

עס דאכט מיר, איך האָב וואָס פערלוירען אין וועג,
איך ווייס דאָך ניט וואָס...
זאָל איך צוריקגעהן? עס איז אזוי ווייט —
עס איז א פערדראָס!

איך האָב וואָס פערלוירען און ווייס דאָך ניט וואָס...
צי האָט עס א ווערט?
לאָז איך עס איבער, — דער טאָג איז שוין קורץ,
און גרויס נאָך די ערד...

עס פאַלען שוין שאָטענס פון ביימער און בערג, —
מיין שאָטען איז לאנג...
דאָס הארץ איז ניט רוהיג, עס שרייט: קעהר זיך אום,
דער שאָדען טוט באנג!

דאָ בלייב איך גאָר שטעהן מיר אין מיטען דעם וועג,
אין חושך געהילט...
איך האָב וואָס פערלוירען, איך ווייס דאָך ניט וואָס —
איך האָב וואָס פערשפּילט...

אָווענד.

כ'בין געגאנגען, געגאנגען, — ביז וואַנען
בין הינטערן שטאָדט שוין געשטאַנען;
און שטיל איז געוועזען ארום —
א בוים האָט געשאָקעלט זיך פרום.

די זון איז ארונטער, ארונטער
אהינטערן וואלד רויט, ווי צונטער,
און טונקעלער, טונקעלער ווערט — —
איך האָב מיך פערקלערט!

געטראכט פון די ביסעלע יאָהרען,
וואָס זיינען זיך רוישיג צעפאָהרען...
געבליבען צו פאָהרען ניט פיעל —
עס טונקעלט... פארנאכט... עס ווערט קיהל!...

א פאָרל איז שטיל־שטיל אריבער,
א מיידעל א יונגם און איהר ליעבער...
דאָס מיידעל אזוי ווי בעקאַנט — —
איך האָב מיך דערמאַנט!

קום שוין.

קום שוין, קום שוין, אומבעקאַנטער,
קלאַפּ מיר אָן אין טיר;
ווי אויף פרייהייט א פערבאַנטער
וואַרט איך אַלץ אויף דיר...

יאָהרען לאַנג אין וויסטען חדר
הער איך דיינע טריט;
כ׳קוק אין פענסטערל כסדר,
דאָך דו קומסט אַלץ ניט...

איז דיין בשורה לויטער פריידען,
שנעלער ברענג זי, טראָג!
טאָמער אומגליק, לויטער ליידען —
קום, נאָר עפּעס זאָג!

דער וואנדערער.

אין דער וועלט זיך אומגעטריבען,
אויסגעוועזען דאָ און דאָרט;
טיילען לעבען איז פערבליבען
אומעטום, אין יעדען אָרט.

דאָ פון ליעבעס־בוים געריסען
זיסע פרוכטען אלערליי;
ערגעץ האָט א שלאנג געביסען
ביז דעם טיעפסטען, גרעסטען וועה...

דאָרט א שמחה, דאָ אן אומעט,
דאָרט א גליק און דאָ א צער;
און איך וואנדער ווידער אומ'עט,
איך, דער יונגער־אלטער נאר...

און אויף באהנען און אויף פוהרען
וואנדער איך, ווי האלב אין טרוים;
נאָר ניטאָ שוין מעהר קיין שפורען
סיי פון שלאנג און סיי פון בוים.

שווייג דו ים!

שווייג, דו ים, גענוג צו שוימען, —
לאז א ביסעל רוהיג טרוימען.
טראג די שיף זאכט אויף דיין רוקען,
לאז מיך נאכדענקען און קוקען.

רונד ארום איז וואסער, הימעל,
נישט קיין בוים און נישט קיין בלימעל —
אלעס איז געבליבען הינטער —
וואס־זשע ביסטו, הארץ מיינס, מונטער?

צי פון אלץ, וואס איז געוועזען,
ווילסטו ווערען איצט גענעזען —
און דו ווילסט בלויז טראכטען, טרוימען
פון די ווייטע, לערע רוימען?

צי ערוואַרטסטו לענדער נייע,
מענשען גוטע, מענשען פרייע,
און עס וועלען דיך עמפאנגען
שעהנע שוועסטער מיט געזאנגען?

— — — — — — — — — — — —

שיף, מיינס, שיף מיינס, טראג זיך שנעלער,
איך די אויגען ווערט מיר העלער,
און איך זעה: דאס שעהנס אנטקעגען
קומט פון ווייטע, נייע וועגען!...

וואוהין?

וו'הין ווילסטו, נשמה, וואוהין?
בי בערג זיינען הויך,
די וואָלקענדלעך בלייך,
די ערד און די בוימער — ווי גרין!
וו'הין ווילסטו, וואוהין?

אַ, האָרך, ווי די בין
זומזעט און פליהט,
זי פלאַטערט און ציהט
אהער און אהין —
וו'הין ווילסטו, וואוהין?

אַ, קוק דאָרט אין מערב אהין —
די זון — זי פערגעהט
קיילעכדיג, רויט
אהין, אלץ אהין —
וו'הין ווילסטו, וואוהין?

פערגעבונג.

כ'טראג א הארץ פול ליעבע,
כ'בין מיט ליעבע רייך:
גוטע מענשען, שלעכטע —
אלע זיינען גלייך.

זינג מיר ניט פון טוגענד,
רעד מיר ניט פון זינד;
יעדער מענש בלויז שפילט זיך,
שפילט זיך ווי א קינד.

קוק מיט פאטער־אויגען
אויפ'ן קורצען שפיל...
גיב זיך אפט א בייזער,
אבער ניט צופיעל!

דען די קינדער שפילען,
ביז ס'פערגעהט די זון,
און זיי געהען שלאפען —
ס'איז קיין בייז דערפון!

דער שלאָס.

עס שטעהט צווישען פעלדער
א הויכער, טריבער שלאָס,
די פענסטער שווער פערהאנגען —
וואָס טוט זיך דאָרטען, וואָס?

עס געהען לייט און פאָהרען
און קוקען טיעף אריין —
דאָס הארץ פאַלט איין פאַר פחד:
וואָס קאָן דאָרט אינוו'ניג זיין?

דאָ קומט א ליץ א דארער
מיט אויגען קעציש־גראה
און לאכט זיך קאַלט פונאַנדער:
ס'איז אינוו'ניג גאָר נישטאָ...

דאן ווערען מאנכע רוהיג:
דער ליץ איז זיי געננוג...
און פאָהרען מונטער ווייטער
און זיינען ווידער קלוג.

דאָן שפרינגט א יונג א בלאסער
ארויס, — די אויגען — קויהל!
און פרעגט: דער שלאָס ווי קומט דאָ?
כאפט ווידער אָן א גרויל...

שאָטען.

אין דער היים דאָרט, ביי מיין זיידען
איז א לעמפעלע געוועז;
אין די אָוועגדס פלעגט עס ברענען
שוואך און טונקעל, קוים צו זעהן...

בלויז דעם זיידען ביי דעם ספר
לייכט דאָס לעמפעלע ניט פיעל;
מיר, די קליינוואַרג, אין דער פינסטער,
איינגעזונטוליעט זיצען שטיל...

נאָר די שאָטענס, הויך און ריזיג,
טאַנצען, שפּרינגען אויף די ווענט;
גרעסער איז דעם זיידענס שאָטען —
כ'האָב איהם לויט דער באָרד דערקענט...

קליין דאָס לעמפּיל, קורץ דאָס קנייטעל,
דאכט זיך, באַלד אָט לעשט זיך אויס...
דאָך די שאָטענס, ווי זיי זיינען
אַזוי אָנזיכטיג און גרויס...

אַך, פון וואַנען — טראַכט איך דעמאָלט —
ווערען שאָטענס ווי פון שפּרוך:
צי פון זיידענס צויבער-לעמפּיל,
צי פון זיידענס אַלטען בוך?...

לאנג געשטארבען איז דער זיידע,
און דאָס לעמפּיל ברענט ניט מעהר;
ביידענס קנייטען אויסגעלאָשען —
און דער ספר אויך ניט דער!

אלץ בענייט און אלץ געענדערט,
און פערלאָשען און פערוויסט —
דאָך די שאָטענס, יענע שאָטענס
שפּרינגען אלץ נאָך, שטארבען נישט.

##ביים וואסער

אויפ'ן וואסער שווימען שיפען,
און איך שטעה ביים ברעג;
די סיגנאלען רופען, רופען
אין דעם ווייטען וועג...

אויף א מאסטבוים וועהט א פאהנע
פון א פרעמדען לאנד,
דארטען וואוינען גוטע מענשען,
פאר מיר — אומבעקאנט...

דארטען איז דער הימעל לויטער,
און די ערד איז גרין;
און ווי פאלמען אלע מיידלעך,
צעדערן — די זיהן.

דארטען וואלט איך יונג געווארען,
אבגעפרישט מיין בליק;
דארט געפונען וואלט איך אפשר
מיין פערלארען גליק...

אויפ'ן וואסער שווימען שיפען,
און איך שטעה ביים ברעג;
די סיגנאלען רופען, רופען
אין דעם ווייטען וועג...

משיח-צייט.

איהר גרויע, איהר נאקעטע זעלען,
אהן ליידען, אהן פריידען;
ווער וועט אייך בעהעלען,
און ליכט אייך בעקליידען?

א, איך קאן שוין ניט מעהרער פערטראגען
אייער גוסס'ען, צאנקען;
א, צויבערער! קום א ווארט זאגען,
און זאלען זיי גלאנצען און בלאנקען!

*

אלץ איז באנקראט:
דער מענש און גאט;
און וואס דו זעהסט
איז שימעל און פעסט.

טויט איז דער מוט,
ליעבע און גלוט;
קאמפף און האס —
עס טריאומפירט די גאס.

אלץ פאלט אין קראך
פון גרונד ביז'ן דאך.
דער מענש פאר שרעק
לויפט אין שענק אוועק.

נאָר שאַ — עפּעם שאַלט,
ווייט ערגיץ קנאַלט —
עס בלאָזט אַ טרומייט —
משיח גערט... משיח גערט!...

דאָס בוך פון לעבען.

וואו נעהמט מען דעם לעהרער,
וואָס זאָל אונז בעווייזען
אין בוך פונ'ם לעבען
צו שרייבען אָהן גרייזען?

עס געהט ווי א שוידער
די זעל אונז אריבער,
דאָס בוך פון'ם לעבען,
ווען מ'קוקט עס בלויז איבער: —

פערשריבען אין איילעניש,
אָהן וואָג און אָהן מאָס,
פיעל ווערטער — פור ליגען,
און קרום יעדער אות...

איין בלאט א פערפלעקטער
(אָ, דאכט מיר, אין בלוט!),
א צווייטער — חשבונות,
וואָס שטימען ניט גוט...

און קומט צו דער ענדע —
דאָס בוך איז פערמאכט,
קענסט גארנישט פעררירכטען:
עס פאלט צו די נאכט!...

* * *

אָ, ביי מיין פענסטער דער בוים!
ווי טרויעריג רוישען די בלעטער...
זיי זאָגען נביאות אויף שפּעטער
און טרוימען דעם אייביגען טרוים!

דעם אייביגען טרוים אָהן בעשייד
פון זיין און פון בליהען און פארבען,
פון וועלקען און דארען און שטארבען —
דעם טרוים פון דעם לעבען און טויט!...

מיר דאכט זיך...

מיר דאכט זיך, די ערד איז צעשטויסענער גלאָז, און איך גיי!
די פיס זיינען נאקעט, און שפּיציג דער גלאָז —
עס טוט וועה!
פון ווייטען דאָרט ווינקט מיר א טייך און א פעלד;
אַ, איך איל!
דאָס בלוט אבצו־וואשען און רוהען אין פעלד
כאָטש א וויל!
נאָר ס'רוקט זיך דער טייך און דאָס פעלד אלץ אוועק;
אַ, פארוואס?
איך וויים ניט, ווער רייצט זיך מיט מיר, און איך פאל
אויפ'ן גלאָז!..

אין גאס.

דו געהסט אין גאס — די מענשען־כוואליע,
זי רוישט מיט לעבענס־שטורעם;
דו געהסט און טראכסט: אך! אלע גליקליך —
נאר דו ביסט פול יסורים!

און פון דעם עולם זעהט דיך איינער,
די אויגען קנאה בליצען;
ער אויכ׳עט טראכט: אך! אלע גליקליך —
דאס איז דעם לעבענס וויצען.

די בלינדע ליעבע.

איך קוש דיך מיט אויגען פערמאכטע
און פיהל ווי א דאפּעלן גליק;
מיט אויגען פערמאכטע דערזעה איך
די ליעבע, די ערשטע צוריק!

און עפען איך אויף מיינע אויגען,
דערזעה איך אויף דיינע פערמאכט...
מיט דיר איז דאס זעלבע געשעהן:
אויף דו האסט פון ערשטען געטראכט...

צו איבערזיכטיגע.

אָ, זייט ניט אזוי איבערזיכטיג,
אָ, זייט אנשטאָט דעם בעסער קלוג;
יאָ, ליעב האָב איך אלע אייך — ריכטיג! —
דאָך ליעבע פערמעגן איך גענוג.

די איינע געפעלט מיט די בעקלעך,
וואָס בליהען, ווי רויזען א פּאָר;
דער אנדערערס קויל קלינגט ווי גלעקלעך,
און ס'דאכט מיר, עס זינגט ווי א כאָר.

נו, וויל איך אַ גארטען פערמעגען,
און האָבען א כאָר אויך דעריין...
אָ, דרויסען איז הארבסטיג און רעגען —
מיין כאָר אין מיין גארטען — אריין!

די היילונג.

קוש מיר אוים די גראהע האָר,
מיין זים הארץ,
אפשר וועלען זיי צוריק
ווערען שווארץ!

קוש, מיין גאלד, פון אויג מיר אוים
דעם יאוש־בליק;
וועל איך אפשר ווערען פרום,
גוט צוריק...

קוש פון מויל דעם סם מיר אוים
און פון צונג,
וועל איך אפשר ווערען צ׳ריק
דום און יונג...

דער שמעטערלינג און די בלום.

די בלום, א חודש אלט,
א טאָג דער שמעטערלינג, —
נו, פליהט ער צו צו איהר
און פלאפעלט אוים אלצדינג...

„איך געה באלד פון דער וועלט;
געלעבט האָב איך צו לאנג!
גענאָסען האָב איך פיעל,
געלעבט אין פרייד, געזאנג...

און ליעבעריי געפיהרט
מיט יעדער בלום און בלאט...
אצונד איז נאכט... שוין נאכט,
איך פיהל מיך עטוואס מאט...

אָ דו, די לעצטע זיי
און אויך דיין ליעבע שענק...
און ווען איך שטארב ביי דיר,
געדענק מיך לאנג, געדענק!"

פריהלינג און ליעבע.

וואס איז עס פריהלינג? פריהלינג איז ליעבע.
וואס איז עס ליעבע? ליעבע איז פריהלינג;
פריהלינג און ליעבע — פון גאטס גנאדעןביידע,
ביידע א גאלדענער, ליכטיגער צווילינג.

ביידע זיי ווערען געבארען אין שטראלען,
ליכטיגער פריהלינג און לויטערע ליעבע;
ביידע פערוועלקען און שווינדען אין שאטען, —
טעג קומען אן דערנאך בענקענדע, טריבע..

דאך אין די טעג, אין די שאטענס פערהילטע,
ווינקט דיר א פריהלינג א נייער אין בלומען;
און נאך דער ערשטער פערלארענער ליעבע
שוועבט דיר דאס בילד פון דער צווייטער, וואס ט'קומען...

דער שמעטערלינג.

ליעבסטע, א שמעטערלינג זיין וויל איך אויך,
מיר געפעלט!
קורץ איז דאס לעבען, עס איז נאר א הויך
אין דער וועלט!
וואו איז אין לעבען דער צוועק און דער ציעל?
נאריש און דום!
איך בין דער שמעטערלינג (ס'איז נאר א שפיל!)
דו ביסט — די בלום.:.

נייע און אַלטע ליעבע.

און ווידער א ליעבע א נייע —
די אַלטע פון הארץ אויסגעריסען:
דאָך קומט אַלץ די אַלטע, די אַלטע,
אזוי ווי אליין, אהן דיין וויסען...

און ווידער א ליעבע א נייע,
און ברענט אויך אזוי ווי אַ פייער:
דאָך יענע, די אַלטע, בעפאַלט דיך,
און לייכט פון דער ווייט אזוי טייער.

און ווידער א ליעבע א נייע:
אַ קושען, א צערטלען, א גלעטען...
דאָך וואָלסטו צו יענער אנטלויפען
און גליק, אויף די קניה, ביי איהר בעטען...

טרוימערײ.

איך ליג מיט אָפ'נע אויגען
און טראכט פון איהר, מיין גליק;
געוועזן ערשט נעכטען איז זי,
און שוין בענק איך צוריק.

און זעה איך זי צומאָרגענס,
דאן זאָג איך איהר: פערבלייב,
פערבלייב מיט מיר אויף שטענדיג
און ווער מיין טייער ווייב. —

— און אויב ס'איז קליין מיין צימער
אַ פּאלאץ בוי איך אויס,
די ווענט פון ווייסען מארמאָר,
די פענסטער העל און גרויס.

און מאך דיך פאר א מלכה
און טו דיר אָן א קרוין,
און נאָכטראגען דיין שלעפּע
וועל איך אליין, אליין...

צו איהר.

עס ווערט מיין הארץ פערגיפטעט
פון וועלט און לעבענס־גאל;
אָ, קום צו מיר, מיין גוטע,
און זיי מיין זיסער קוואל.

איך געה ארום פערביטערט
פון מענשענס שפּאָט און גיפט;
אָ, קום צו מיר, מיין ליעבסטע,
דיין מויל בלויז האָניג טריפט.

איך רעד מיט מענשען ווערטער,
און זיי צוריק—אַ שטיין;
נו, וויל איך איצט נאָר רעדען
מיט דיר, מיט דיר אליין!

— איך בלאָנדזשע מיט מיין ליעבע
וואָס ברויך זי גאַס און מארק?
נו, וועל איך זי דיר שענקען,
מיין ליעבע גרויס און שטארק!

רחמים.

געקומען אַמאָל איז זי גאָר אומגעריכט
מיט צאַרטען און בלאַסען און נאַסען געזיכט.
„וואָס ביסטו, מיין עלענדע טויב, אַזוי בלייך?“ —
האָב איך זי געפרעגט מיט רחמנות און ווייך.

זי האָט ניט געענטפערט, זי האָט נאָר געניקט
צו מיר אויפ'ן האַרצען און פעסט זיך געדריקט...
דאַן האָב איך פערשטאַנען, אַז אַלץ איז שוין שפּעט,
און האָב זיי געטרייסט און געקושט און געגלעט...

דאָך איך גלויב...

...דאָך איך גלויב, עס וועט זיך טרעפֿען,
ס'וועט די טיר זיך טון אַן עפֿען
ווען פֿאַרנאַכט,
שטיל און זאַכט,

אין מײַן איינזאַם שטילען חדר,
שאָרכענד, אין די זיידען־קליידער
אָנגעטאָן —
קומט זי אָן!

ווי אַ צנועה, טיף געבויגען
לאָזט אַראָב זי איהרע אויגען —
אויגען בלוי,
בליקען טוי.

— אַ, ווער ביסטו? — וועל איך פֿרעגען —
און דורך וועלכע לענדער, וועגען
קומסט אַהער,
ברענגט דיך ווער?...

פערשפעטיגט.

אַ, איך האָב דיך פערשפעטיגט, מיין קינד.
עס בלאָזט שוין דער ווינט,
און בלעטער פאַלען,
און ס'לעשען זיך שטראַהלען — —
פערשפעטיגט, מיין קינד...

אַ, הערסטו, דער שטורעם קומט אָן.
אַלץ איז פערשפּילט אין קאָן.
א פינסטערע נאַכט,
טיר און טויער פערמאַכט.
אַ, וואָס הויבט מען אָן צו טון?

* * *

דו אָרימער מענש,
וואָס נאַרסטו זיך אָב,
און פילסט מיט חלומות
דיין האַרץ און דיין קאָפּ?

און זוכסט דיר אין לעבען
א שטיצע, א טרייסט,
און קוסט צו דער ליעבע
זיכער און דרייסט.

די ליעבע, א בליץ איז
פערשווינדט, ווי א בליק....
דו קוקסט זיך ארום —
און ס'איז פינסטער צוריק...

* * *

עס שטעהט דער יונגעל בלאס, דערשראקען,
איהם ציטערן די שווארצע לאָקען...
אָ, שעהנער יונגעל, שרעק דיך ניט!
ניט דיך, ניט דיך דאָך מיינט מיין ליעד!

דיך האָב איך האָלט, דיך האָב איך גערן,
דען ריין ווי פערעל — דיינע טרערען,
און דיין געלעכטער קלינגט און שאלט,
פונקט ווי א קוואל פון פעלזען פאלט...

אָ, זאָל מיין ליעד דיך נישט בעטריבען,
עס וועט די יונג־פרוי שטארק דיך ליעבען.
אָט, זעה: זי רייסט פאר דיר א בלום,
און ס'בלייבט מיין אלטע לידעל שטום!

ווען דיין הארץ.

ווען דיין הארץ פערלאנגט זאָל קומען,
ווען דיין אויג קוקט אוים,
יענער קלאפּט אין פרעמדע טירען,
דיינע ווייכט ער אוים.

ווער עם מאכט דיר שווער און איבעל,
יענער קומט צו געהן,
לאנג זיצט ער ביי דיר אין שטיבעל —
דו ביסט אלץ אליין...

דער פרייער פויגעל.

געקומען דער פויגעל פון לענדער פון ווייטע,
(געוועזען צוזאמען מיט חברה פערשייטע),

געקומען צום בוים, וואו זיין נעסט איז געשטאנען.
געזוכט איהם — צעטראגען ; ער ווייס ניט פון וואנען...

דער בוים דער אוראלטער האט נאך א שטיל־שוויינען
געברומט און געשאקעלט די גראה־דיקע צווייגען ;

און האט זיך גענומען דא מוסר איהם זאגען :
„דיין היים, זעה, איז חרוב, דער נעסט איז צעטראגען..

און וואס איז דער תכלית פון יאגען, פון ציהען ;
א היים מאך אויף תמיד, גענוג ארומפליהען !...

און זעה, ווי איך שטעה אזוי פעסט, אזוי זיכער,
עס שרעקט מיך קיין שטורעם, עס שרעקט מיך קיין וויכער :

ווייל טיעף אין דער ערד האב איך ווארצלען געלאזען
און קיינמאל מיין באדען און היים ניט פער־לאזען“...

דער פויגעל ער שוויינט, אויפ׳ן מויל ווי א זיגעל.
ער טראכט : „דו האסט ווארצלען, איך אבער — פליעגעל !...

צוויי וועגען.

1.

— וו'הין געהט איהר, יונגע קינדער,
אזוי פאמעליך, שטיל?
אך, געהט דאך, געהט געשווינדער —
צו געהן האט איהר נאך פיעל.

עס ענטפערן די קינדער:
„דער וועג איז אונז בעקאנט,
די זיידעס און די באבעס
זיי האבען דא געשפאנט...

מיר געהען לאנגזאם, לאנגזאם,
ווייל דארט, איהר זעהט, פון ווייט,
דארט שטעהט שוין דער בית־עולם...
מיר האבען צייט נאך, צייט"...

2.

— וואו געהט איהר, יונגע קינדער,
וואָס זינגט איהר אַזוי שטאַרק?
איהר זייט דאָך שוין פערמאַטערט
צווישען טאָל און בארג.

עס ענטפערען די קינדער:
„דער וועג איז אַזוי נײַ...
מיר יאָגען, יאָגען שנעלער
און זינגען צו דערביי...

דער וועג — אַן אומבעקאַנטער,
און ס'איז אַזוי צו מוט...
בלויז טאָלען, בערג און פעלזען — —
ס'מוז ערגיץ־וואו זיין גוט!..."

די יונגע מוטער.

שא, מיין קינד... דו ליעג און שווייג —
אויף דער אדלער זיצט אין שטייג;
פון דער שטייג די טיר איז צו
און ער שרייט אזוי ווי דו.

שטילער, קינד מיינס, ס׳איז די וועלט
פול מיט שטייגען אויסגעשטעלט;
צי בחנם, צי בעצאָהלט,
צי פון אייזען צי פון גאָלד.

ווארף זיך, קינד, נישט און נישט פליה,
ס׳וועט אומזיסט דיר זיין די מיה;
ביזטו קליין, צו ביזטו גרויס —
קענסט ניט פון דער שטייג ארויס.

שא מיין קינד, קיין קלאנג, קיין שאָרך!
דאָרט אין שטייג, דעם אדלער, האָרך,
איז פון קלאפּען באלד שוין מיעד,
פליגלען העלפען איהם אויך ניט!

וויין נישט קינד מיינס, שטיל און שא.
ס׳איז מיין מזל אויך אזא.
אויף געפאנגען האָט מען מיך.
שווייג־זשע שטיל, אזוי ווי איך!..

דער דיכטער און זי.

(אַ מעשה׳לע)

ס׳איז דער דיכטער שוין בעריהמט
און זיין נאָמען פול מיט גלאַנץ;
האָט דאָס פאָלק דערפאַר בעשטימט
שיקען איהם אַ בלומען קראַנץ.

ווייל געזונגען האָט זיין ליעד
פון דער ליעבעס פרייד און צער,
זאָל די שעהנסטע פון דעם לאַנד
ברענגען איהם דעם קראַנץ דערפאַר.

מיט אַ שמייכעל, וואָס בעגליקט
גיעט זי איהם דעם קראַנץ אין האַנד:
„ס׳האָט דאָס פאָלק איהם דיר געשיקט
„און דיך גריסט דאָס גאַנצע לאַנד!

„אַלע, אַלע, קליין און גרויס,
שיקען דיר אַ גרוס דורך מיר!“
דאָך דעם דיכטער ווייזט זיך אויס
ווי זי קוקט אַלץ צו דער טיר...

— וואָס־זשע איילסטו זיך, מיין קינד?
פרעגט דער דיכטער ווי געקלעמט —
שמייכעלט זי און לאָזט איהר בליק
אויף דער ערד אראָב פערשעמט:

„אונזער ליעבע איז צו דיר,
גרויסער דיכטער, שטארק און הייס,
נאָר מיין חתן ווארט ביין טיר,
און ער קען נאָך ווערען בייז...“

אליין.

איך האָב צו זיך אליין גערעדט,
צו שטילען מיר מיין וועה;
די שפּיעל זאָל עכטער זיין, האָב איך
פערוואנדעלט זיך אין צוויי...

דער איינער איז געוועזען קלוג,
דער צווייטער גאָר א נאר;
דער נאר איז פול מיט טרייסט געוועזן,
דער קלוגער פול מיט צער.

דער קלוגער האָט געזאָגט אזוי:
„נימאָ שוין מעהר קיין גליק״!
דער נאר האָט אָבגעענטפערט שטאָלץ:
„דער פריהלינג קומט צוריק״.

לאנג האָבעןביידע דיסקוטירט,
דער — געגען, יענער — פאר;
דער קלוגער איז גערעכט געוועזן,
דאָך גליקליכער — דער נאָר.

היי, איהר יונגע יאָהרען!

היי, איהר יונגע יאָהרען!
קענט איהר מעהר נישט קומען —
וואָס זשע האָט איהר אלע
וועגען מיר פערנומען!

יאָהרען קומען נייע,
כ'וואָלט זיי פריי בעגעגענט;
שטעהט איהר מיר ענטקעגען,
ווי נאָך נישט געזעגענט.

און דערצו בעריהמערס
זייט איהר פון די גרעסטע:
„מ י ר, ד י י ו נ ג ע יאָהרען,
זיינען דאָך די בעסטע!"

יא... געווים... עס מאָלט זיך
שעהן, וואָס געהט פערלאָרען...
זעגענט זיך דאָך אָפּ שוין,
לאָזט מיך ווייטער פאָהרען.

שעהן איז אויך דער ווינטער,
מיט זיין שנעע דעם ווייכען,
אויף א גרינגען שליטעל
קען מען גליק אויך גרייכען.

שפּאַנט־זשע איין די פערדלעך
מיט די ווינטער־גלעקלעך:
פאַר דעם קלוגען מאַן איז
ווינטער אויך ניט שרעקליך...

צום מזל.

1.

בעט איך רעגען — שיינט די זון.
בעט איך זונשיין — פלייצט א רעגען:
מזל, וואס וועט זיין דערפון,
וואס דו געהסט מיר אלץ אקעגען?

וואס איך בעט און וואס איך וויל,
ווילסטו קיינמאל ניט ערפילען: —
מזל, אויב דאס איז א שפיל,
דאן געפעלט מיר — לאמיר שפילען!...

2.

א לייד — א ליעד; א לייד — א ליעד:
וואס קענסטו, מזל, מאכען —
דו וועסט גיכער ווערען מיד,
איך וועלליידענד לאכען.

מזל! מעהר נאך ליידען גיעב,
כ'שטעל מיך נישט דערוויעדער,
איך האב דיינע ליידען ליעב —
ליידען זיינען ליעדער...

ליעדער אלערליי.

דער רבי איז געשטאָרבען.

דער רבי — געשטאָרבען... פון חדר
צולויפען די יונגע תלמידים
און ס׳הויבט זיך א טומעל אין געסיל —
פאַראוים אין דער שפּיץ — בני־יחידים.

פערלאָשען די אויגען דעם רבי׳ס
וואָס האָבען ווי פייל׳ען דורכ׳דרונגען,
פערשלאָסען די ליפּען, וואָס האָבען
די פסוקים נביאים׳ס געזונגען.

געשטאָרבען דער רבי... א שמחה!
און טהאָן מעגסטו וואָס דו זאָלסט וועלען:
דו קענסט זיך אין זאמדען אויסקויקלען,
דו קענסט אויפ׳ן קאָפּ אויף זיך שטעלען...

דער רבי — געשטאָרבען! א חדוה
די קינדערשע אויגען — זיי ברענען,
די וועלט איז איצט זיי׳רע אין גאַנצען,
זיי וואָלטען בעצווינגען זי קענען...

אין מארק צו די קארשען די רויטע!
שרייט אוים דער ארי־שבחבורה!
זיי קויפען, זיי כאפען, זיי נאשען,
אהן רבי'ן בעקומען זיי גבורה!

אין וואלד, חברה! — דונערט אוים לייבע
דעם קצב'ס, א יונג ווי אן אייזען,
און מעסט פון די הענד זיינע מוסקעלם
און וויל שוין זיין גבורה בעווייזען.

דער רבי — געשטארבען... די אויגען
מיט פונקען זיי שפריצען און גליהען
און לאזען זיך ווייט פונ'ם ישוב —
זיי יאגען צום וואלד און זיי פליהען...

א שטויב הויבט זיך אויף אין די געסלעך,
די טאטעס און מאמעס די קלוגע,
זיי מורמלען: „דער רבי — געשטארבען,
די קינדער, זיי ווערען משוגע...

„א קלייניגקייט קינדער אהן תורה —
זיי וועלען די וועלט איבערקעהרען"!...
(ביי מאנכער אן ארימער מוטער
בעווייזט אין די אויגען זיך טרעהרען...)

דער רבי — געשטארבען... זיי לויפען
און אט איז שוין הינטער די הייזער —
זיי הויבען אן שפיעלען מלחמה —
און לייבע דעם קצב'ס איז קאיזער...

אײן קאַיזער איז װעניג... אַ צװײטער
װערט בענדעט — אַ זוהן פֿון אַ שינדער...
און ס'פֿלאַקערט אין װאַלד די מלחמה
פֿון װילדע, צולאַזענע קינדער....

שטאָדטישע פריינדשאפט.

איז אמאָל איהם גוט געגאנגען
און דאָס מזל האָט בעגליקט איהם
האָבען פריינד איהם גוט עמפפאנגען
און זיי האָבען דאן ענטציקט איהם.

ס'איז געווען א וועלט א וואוילע
און די מענשען אלע בראווע;
און ער צאָהלט פאר זיי מיט שמחה
פאר דעם וויין און פאר די קאווע...

שפעטער... אך ניט שטענדיג געהט עס! —
ס'הויבט אמאָל זיך אָן צו שלעפען,
און עס האָבען אלע פריינד דאן
אויפגעהערט צו איהם זיך קלעפען.

איינזאם... און ער פיהלט זיך גליקליך
וויל זיין איינזאמקייט געניסען,
פריי איז ער איצט ווי א פייגעל —
קיינער טאָר עס דאך ניט וויסען...

אך זיין נייעם גליק טאָר איצטער
קיינער נישט פון זיי ערפאהרען,
דען זיי קענען ווידער קומען
און ער האסט אזוי די נארען...

אונזערע הימלען.

אונזערע הימלען
זיי הענגען אונז גרוי,
אויף אונזערע פעלדער
פאלט נישט קיין טוי.

עס פאלט נישט קיין טוי
און בליהט נישט קיין בלום,
און אונזערע פייגעל
לאנג שווייגען שטום...

א פאנצער א פרעמדען
טראָגט אונז׳רער א העלד
און שיסט גאָר זיין ברודער
אין ווילד פרעמדען פעלד.

געקליידט אונזער העלד איז
אין פרעמדען געוועהר
און אונזערע שוועסטער
בעשיצען וועט ווער?

אונזערע העלדען —
וואו וועלט האָט אן עק
און אונזערע שוועסטער
זיצען אין שרעק...

און קען אונזער העלד דען
ערוואַרטען זיין לויהן,
ווען פרעמדע רעגיערען
און טראָגען די קרוין?...

חנוכה-פאַנטאַזיע.

אונזערע ליכטלעך
אונזערע אכט,
ווער וועט זיי צינדען
היינטיגע נאכט!

הערסטו ווי דרויסען
הוליעט דער ווינד?
טוליע זיך, טוליע זיך
נעהענטער, מיין קינד!

לאנג איז געלעגען
ס'לעמפעל פערשטויבט,
האָבען איהם רויבער
נעכטען גערויבט.

וועלען פון לעמפעלע
מאכען א שווערד
וועלען בעצווינגען
ד' אָרימע ערד.

וועלען זיי שלאָגען זיך,
שלאָגען זיך לאנג,
ביז עס וועט ווערען
זיי אלייז באנג...

וועלען זיי אלע
קומען פון פעלד
וועט פון איהר חלום
אויפשטעהן די וועלט.

אבער ביז וואנען
ג'שעהן וועט דער נס,
ליעג אין דער פינסטער,
ליעג און פערגעס...

צוויי דורות — צוויי מאמעס.

געבוירען איז זי אין א שטערטעלע,
ביי אידעלעך;
פערשלעפערט האט די מאמע איהר אין בעטעלע
מיט ליעדעלעך.

זי האט געזונגען איהר פון ניסעלעך
און פייגעלעך,
זי האט געקושט איהר אין די פיסעלעך
און אייגעלעך.

יאהרען פליהען ווי אויף רעדעלעך —
אך, ווי בימערליך!
ערשט געוועזען יונגע מיידעלעך
שוין זעלבסט מוטערליך!

נייהט זי איצט אין א שאפ א קליידעלע
א פערטרויערטע
און פון „פלעשעל" זויגט דאס קליינע מיידעלע
מילך פערזויערטע...

די בוימער רופען.

ווייט פון שטאָדט און ווייט פון מארק
שטעהען בוימער אין א פּארק;

שטעהען בוימער, הויך און שלאַנק —
אַלע בוימער — איין געדאַנק!

וואָס־זשע טראַכט איהר, בוימער, וואָס
און איהר מורמעלט מיט פערדראָס?

זייט איהר דען נישט פול מיט קראַפט,
פעהלט די וואָרצלען איי'רע זאַפט?!

איי'רע בלעטער נישט געדיכט?
שיקט דער הימעל ווענינ ליכט —

ווענינ ליכט דען, זון און שיין?
וואָס־זשע זאָלט איהר טרוי'ריג זיין?

ענטפערן בוימער אָפּ צוריק:
זאַפט און שיין און זונען־גליק!

דאָך איז אונזער הארץ געקלעמט
און מיר זיינען ווי פערשעמט.

אונזער זאפט און אונזער גרין
האָט קיין האפט און האָט קיין זין,

ווען עס קומען נישט אהער
די, וואָס ארבייטען דאָרט שווער.

אויסגעפוצט איז פרישען גרין,
שטעהען, קוקען מיר אהין

צו דער שטאָדט, און בענקען שטיל
נאָך די שעהנע פאָרלעך פיעל;

רופען מיר מיט צווייגען צו:
קומט צו אונז, צום שפיעל און רוה!

שפיעלט און זינגט און פלעכט אייך קרענץ
אָדער לאזט אייך פריי אין טענץ.

שעהנע טעכטער, שלאנקע זיהן —
בלויז פאר אייך מיר זיינען גרין;

און אין אונזער שמאָלסטען שטעג
מאכט דאָס פּאָרל זיך א וועג,

רעדען אַלץ פון הארץ ארויס,
און מיר זאָגע זקיינמאָל אויס...

א תפלה.

קליינע בלאסע קינדער
אין די גרויסע היצען,
זאָלסטו, גאָט, פון קראַנקהייט
און פון בייז בעשיצען.

קליינע בלאסע קינדער
מיט די ליעבע אויגען,
זאָל זיי וואויל בעקומען
מוטערס מילך, וואָס זויגען;

אויב די מוטער ארבייט
ערגיץ־וואו פערטרויערט,
זאָל דאָס מילך אין פלעשעל
ווערען נישט פערזויערט.

און פאר אלע קינדער,
וואָס אין דרויסען שפּיעלען,
פון די פעלדער שיקען
זאָלסט א ווינט א קיהלען.

קיהלקייט פון די טייכען,
ווינטעלעך פון טאָלען,
אז די קליינע קינדער
זיך דערקוויקען זאָלען —

פון די ווייטסטע פעלדער
זאָל די היילונג קומען;
גאָט, בעשיץ די קינדער,
פון דער וועלט די בלומען! —

אויף די פעלדער.

אויף די ווייטע, ברייטע פעלדער
בלאַנזשעט אום אַן אַלטער פּויער:
אויף זיין הונגעריגען פּנים
הענגט אַ שווערער, שווארצער טרויער.

ער בעטראַכט די קאָרען־זאַנגען
הויכע, פולע און געראַטען;
וועט עס אַנקומען די מענשען
אָדער ווידער צו דעם שטן?

אַלטע זיצען אין די הייזער,
קינדער הונגערן און שמאַכטען
און די יונגע זיהן די בעסטע
שיקט מען טעגליך־אויסצושלאַכטען...

וועט דער בלוטיג־בייזער פייער
פון מלחמה זיך פערלעשען?
אַך, עס איז די העכסטע צייט שוין
קאָרען שניידען, תבואה דרעשען!

און דער אַלטער פּויער קניהט זיך,
הויבט צום הימעל זיינע אויגען...
בלויז אַ שווארצע מחנה קראַהען
זיינען קראַקענד דורכגעפלויגען.

און א ווינטעלע א שטילער
האָט געבלאָזען פול מיט טרויער,
און אויף ווייטע, ברייטע פעלדער
בלאָנזשעט אום דער אַלטער פויער...

העלדען.

איך לייען אין צייטונג
פערשיעדענע נעמען,
מיט וועה און מיט קלעמען —
און זוך א בעדייטונג.

אך, צעטלען פערשיערען
פון אידישע העלדען
די צייטונגען מעלדען —
דאָס בלוט הויבט אָן זיערען!

אך, לאנג איז דער רייסטער!
א נאָמען פערשריעבען,
קיין זכר געבליעבען,
קיין קדיש, קיין טרייסטער!

עס ווערען פערשניטען
די לעבענס פון ברידער,
און זייערע ליעדער
פערשטומען אין מיטען.

אלטע לייט

איך האב זיי ליעב די אלטע לייט,
וואס קוקען ערגיץ אזוי ווייט...
אין זייער בליק שווימט אום א צער,
דער צער פון דער פערגענגליכקייט.

דאס איז א צער געמישט מיט שרעק
און מיט ערווארטונגען אויף וואס;
אויף יונגע קוקען זיי מיט פרייד
געמישט מיט קנאה און פערדראס...

און געהען זיי אמאל אין פארק
אויף זייערע שטעקענס אנגעשפארט
בעטראכטען זיי א יעדען בוים
און שמייכלען דאן, ווי קינדער, צארט.

זיי שעצען אב א יעדען שטראהל
וואס גאט פון הימעל זיי בעשערט,
און דאנקען איהם, וואס ער ערלויבט
זיי אומגעהן אויף דער שענער ערד.

זיי היטען יעדע רגע אפ,
ווי טרינקער יעדען טראפען וויין,
פערלארען זאל ניט געהן אומזיסט
קיין פונק פון ליכט, קיין טראפען שיין...

א תפלה.

אין מיין אונגליק, גאָט,
דאַרף איך דיך ניט האָבען,
כ׳קען מיין אונגליק שטיל
אין מיין הארץ בעגראָבען.

כ׳קען דאָס אונגליק שוין
גאַר פון לאַנגע צייטען,
און איך טראָג בסוד
איהם פון דיר און לייטען.

כ׳וויים צום אונגליק אויך
מיטלען גאַר פערשיעדען;
אין מיין אונגליקס גאָט,
לאָז איך דיך צופריעדען...

אָבער ווען דו ווערסט
גליק אמאָל בעשערען,
זאָלסטו דאָן פון מיר,
גאָט, זיך ניט אבקעהרען.

האַלטען גליק בסוד
איז א זאַך א שווערע:
מענשען וועלען דאָן
פייערען מיין עהרע.

און צווישען פריינד
וועל איך שטענדיג זיצען,
זאָלסטו, דעמאָלט, גאָט
מיך פון זיי בעשיצען...

אלטע בריעף.

אלטע, אמאליגע בריעף! —
און ריהר איך זיי צופעליג אן —
ווי קלינגט מיר אין הארצען אפ, טיעף
א לאנג שוין פערקלונגענער טאן!

כ'לעג אלע זיי אוים אויפ'ן טיש
און צעהל ווי א קארגער זיין געלד
און בלעטער זיי אלע און מיש,
און זוך ווען א בריוועלע פעהלט!

פערשיעדענע בריעף זיינען דא:
אין איינעם געלאדען איך ווער
צו קומען אין פינקטליכער שעה —
ווייל ווארטען איז איהר אזוי שווער.

א צווייטער — פול לוסטיגע רייד
און איטליכעם ווארט, ווי געשפאסט;
איך וויים ניט ביז היינט דעם בעשייד
צי האט זי געליעבט, צי געהאסט...

א דריטער איז טרוקען און קאלט:
דאס זעגענט זיך איינע מיט מיר,
דאך ווען נאר איהר בריעוועל איך האלט
דערהער איך זי קלאפט אין מיין טיר...

די וואָג.

(אַ ניו־יאָרקער בילד)

אויף דעם עלעוויטאָר סטיישאָן,
וואו עס סטאָפּט דאָרט יעדער טריין,
שטעהט אַ וואָג אין מיטען דרינען
ווי פערלאָזען און אליין.

אַנדערוואָכען, ווען די מחנות
יאָגען, איילען זיך צום שאָפּ,
זעהט זי קיינער, מערקט זי קיינער —
ס'גיעט דער טריין זיי גלייך אַ כאָפּ!

און ער טראָגט זיי שנעל, מיט אימפּעט
און ער שפּייט זיי ערגעץ אויס...
און אין איילעניש, צוטראָגען,
יעדער לויפט צום שאָפּ אַרויס.

און אין אָווענט איילט מען ווידער,
יעדער מיט זיין צער געהיים...
טריינס זיי לויפען, טריינס זיי סטאָפּען —
יעדער יאָגט געשווינד אַהיים...

און די וואָג דאָרט אויף דעם סטיישאָן
בלייבט פערשעמט, פערלאָזט, געקרענקט;
קיינער קוקט ניט אין איהר ווינקעל,
און קיין בליק ווערט איהר געשענקט!...

איהרע ציפער־אויגען, דאַכט זיך,
קוקען אַזוי בייז און האַרט, —
ווי זיי וואָלטען זייער קרבן
מיט אַן אונגעדולד דערוואַרט...

*

ס'געהט די וואָך אוועק אין לייד —
ס'קומט דער זונטאָג אַן מיט פרייד...
ס'לויפען, ס'טאַפּען טריינס ווי פריה'ר,
נאָר דאָס פאָהרט מען צום שפּאַציער!

ס'איילט זיך קיינער ניט אַזוי,
ניט דאָס מיידעל, ניט דער באָי...
אויפ'ן סטיישאַן שפּאַנען אום,
פאַרלעך, פאַרלעך אומעטום.

און עס גיט אַ באָי אַ זאָג:
„קיידי, קום אהער צום וואָג!“
און ער וואַרפט אַ סענט אין שפּאַלט —
קיידי'ס לאַכען קלינגט און שאַלט!

„שטעל זיך, קיידי, גיכער, שנעל!“
קיידי'ס לאַכען קלינגט אַלץ העל! —
„באַ־כאַ־כאַ און כי־כי־כי!“
פול ענטציקונגען איז זי!

נאָר דער בחור שטעהט און וואַרט:
האָט די וואָג איהם אָבגענאַרט?
„בלייב נאָך, קיידי, שטעה נאָך, שטעה...
וויפיעל ווענסטו? הונדערט צוויי!?...“

קיידי ענטפערט, ווי פערטראכט:
כ'האב געוואויגען הונדערט אכט!"
— וואו זשע זיינען זעקס אהין?
— פרעג אין שאפ, ביי דער מאשין!

דער געפאלענער שטערען.

זעהט, א שטערען איז געפאלען! —
ר׳ פלעגט פערלעצען
פון דעם הויכען, שטילען הימעל
די געזעצען.

ניט געוואלט דער זון, וואס בלענדעט,
זינגען שירה,
האט מען איהם פעריאגט צום ערשטען
פון דער דירה.

איז ער נע־ונד, פערוואגעלט
באלד געווארען,
און זיין גלאנץ און גוטען נאמען
דארט פערלארען.

און די „גדולים": מארס, יופיטער,
זיינע ברידער,
האבען איהם אראגעשטויסען
אין דער נידער.

האט ער זיך נאך אלץ געהאלטען,
אומגעטריבען,
און איז פעסט ביי זיין עקשנות
אלץ געבליבען.

ביז ער האָט בעשלאָסען איינמאָל
שלום ווערען:
דאַן איז ער אראָבגעפאַלען —
און — אויס שטערען!...

וועלט און זי.

און וואָלט איך בעזונגען מיין ליעבע צו דיר,
מיין ליעבע פון טאָג צו טאָג שעהנער, —
וואָלט דעמאָלט געוואָרען אין גאנצען די וועלט
פון קלינגענדע, טאַנצענדע טענער.

און אַלע, וואָס יאָגען און טרייבען דאָ אום,
זיי וואָלטען פערגאפטע געבליבען;
די קרעמער זיי וואָלטען די קראמען פערמאכט
און וואָלטען גענומען זיך ליעבען...

די שניידער און שוסטער זיי וואָלטען אוועק
געלעגט זייער אָהלען און שערען...
און ס'וואָלט אונזער וועלט, אונזער אָרימע וועלט
מיט אַלץ, וואס זי האָט, חרוב ווערען...

דער פראָפעסאָר פון ליעבע.
(מאָדערנע באַלאַדע)

אמאָל איז — מיר דאכט זיך — אין ליטא
א בחור א קלוגער געוועזען;
געבילדעט אין אלערליי חכמות,
דערצו נאָך „א מאסע“ בעלעזען.

בטבע — א רוהיגער, שטילער,
האָט קיינמאָל פון זיך ניט געבלאָזען,
און האָט זיך געהאלטען בעשיידען,
און „נידעריגער פאר די גראָזע“ן.

ס'איז היינט אין דער וועלט, אין דער גרויסער
קיין סך דאָ אזעלכע פארשוינען.
דערפאַר פלעגט מיט איהם זיך צו חבר'ן
אין שטאָדט דאָרטען איטליכען לויהנען.

פערמעגט האָט א שטיבעל א קליינע
דער דאָזיגער בחור דער גוטער,
א הונגעריגער פריינד פלעגט דאָרט קריגען
טיי שטענדיג און ברויט אָפט מיט פוטער.

נאָר דאָס איז געווען ניט דער עיקר,
וואָס האָט דאָרט די יונגוואַרג גענומען;
דערהויפט פלעגען יונגען פערליעבטע
צום בחור אין שטוב ארויפקומען.

ווייל קלוג איז געוועזען דער בחור
אזוי ווי ס'איז אויבען געשטאַנען,
ג'וואוסט אויסוועניג הייען'ס גערדיכטע
און אלערליי „טיעפע" ראָמאַנען.

און אויך שאָפּענהויערס סיסטעמע,
פון ליעבע, די זייטען די טריעבע;
א פאכמאן געוועזען איז דער בחור,
אַן עכטער פּראָפעסאָר פון ליעבע...

נו, זיינען אלע געקומען
און פלעגען דעם בחור דערציילען
פון ליעבע די וואונדען די טיעפע,
און בעטען איהם, ער זאָל זיי היילען...

דער בחור גיט מאנכען א מיטעל
די ליעבע צוריק צו געווינען:
צו האלטען זיך קאלט מיט דער מיידעל
איז איינע פון פיעל מעדיצינען.

און נאָך איינעם הייסט ער זיין ווארים;
„פערגעסען זיך" ראט ער אַן אנדערן,
און וויינט זיך פאַנאַנדער א דריטער —
דאַן הייסט, ער ווי היינע, איהם וואנדערן.

א פיערטען גאָר קנייפּט ער אין בעקעל
און טאפּט איהם דעם קאָפּ און צולאכט זיך;
דו ביזט נאָך צו יונג פאר דער ליעבע,
דו ליידסט גאָר גיט, — ברודער—דיר דאכט זיך.

אזוי זיינען יאָהרען געגאַנגען,
זיין פּראַקטיק געוואַקסען אַלץ גרעסער:
ביז ס'האָט אין אַ העלען פריהמאָרגען
אליין זיך פערליעבט דער פּראָפעסאָר.

אוועק איז ער צו דער „געליעבטער“,
געווינען איהר האַרץ וועט ער זיכער:
ווער ווייס נאָך צו ליעבע די מיטלען
ווי ער פון די טייערסטע ביכער!

געגאַנגען איז שטיל ער, פּאַמעליך —
ער מעג זי האָטש שטאַרקער נאָך ליעבען:
„צום גליק טאָר מען קיינמאָל נישט יאָגען“ —
האָט ערגעץ אַ דיכטער געשריעבען.

נאָר פּראָסט איז געוועזען דאָס מיידעל,
אין ביכער גאַנץ ווייניג בעהעוועגט;
אַ מיידעל פון פּאָלק — קוים געלעזען
און קוים אין אַ סדור געדאַוועגט.

און ביז אונזער בחיר ז'געקומען
מיט מיטלען פון בוך אויסגעלעזען,
איז אַלץ שוין געוועזען פערלאָרען,
איז אַלץ שוין פערשפּעטיגט געוועזען.

ער האָט זיין געליעבטע געפונען
ביי אַ יונג אין צוויי אָרימס ווי אייזען;
זי האָט בלויז איין שמייכעל געגעבען
און מעהר ניט געוואָלט זיך איהם ווייזען.

דאָן איז דער פּראָפעסאָר פון ליעבע
א קראַנקער א היים קוים געקומען,
און קיין פּאַציענטען זייט דעמאָלט
האָט ער שוין נישט מעהר אויפגענומען.

ער האָט זיך פערשפּאַרט אין זיין שטיבעל
פערהאַקט אַלע פענסטער און טירען,
און האָט זיך די סודות פון ליעבע
נאָך טיעפער גענומען שטודירען..

הערבסט-ליעדער.

1.

אויף די פעלדער ווייגען ווינטען —
געה נישט, קינד, אין פעלד:
אויף די פעלדער שלייכט דער אומעט
און בעקלאגט די וועלט.

אויף די פעלדער געהט אום איינער
מיט א גראהען זאק
און א צווייטער — הויט און ביינער —
מיט א טעמפער האק.

אויף די פעלדער שטעהען בוימליך
ציטערען פאר שרעק
און א פויגעלע אונהיימליך
קלאגט און פליהט אוועק.

אויף די פעלדער הערט זיך טרויערן
און דו ווייסט ניט ווער...
געה נישט קינד, דו וועסט בעדויערן
און זיך פיהלען שווער...

2.

ווי די ווייסע רויזען וועלקען,
פאר מיין פענסטער, פאר מיין טיר;
ווייסע רויזען — שווארץ געווארען —
מיידעל, קום ניט איצט צו מיר!

ווי די ווייסע רויזען וועלקען
בויגען זיי'רע קעפּלעך איין;
מיידעל זאָלסט אין טהיר ניט קלאפּען,
כ'לאָז דיך איצטער ניט אריין.

ווי די שטומע רויזען וויינען,
און ווי הילפלאָז זיינען זיי!
מיידעל, מיידעל, קום ניט איצטער —
לאָז מיך איבער מיט מיין וועה...

אינהאלט :

ערשטער טהייל:

דאַס לעבען ציהט.

דאַס לעבען ציהט — — — — — — 9
ווען דו געהסט אמאָל פערביי — — — 11
טעג — — — — — — — 13
גליק — — — — — — — 14
צייט־מאָטיוו — — — — — — 16
אין וועג — — — — — — — 17
דו ביזט ווי אַ רויז — — — — — 18
די געזוכטע ליעבע — — — — — 19
דער זיעגער — — — — — — 21
זעקס מיליאָן מענשען — — — — 22
די רויז — — — — — — — 25
זי און דער טרוים — — — — 27
אַלע — — — — — — — 28
אויפ'ן ים — — — — — — — 29
צום ים — — — — — — — 31
צום דיכטער — — — — — — 32
פון בענקענדען — — — — — — 34
כל־זמן — — — — — — — 35
ניט אַלץ — — — — — — — 36
אין אַ שניי נאַכט — — — — 37
די שבועה — — — — — — 38
אומעטיג — — — — — — — — — 39
און וואו דו קומסט — — — — — 40
דו פערגעסט מיך ליעבסטע — — — — —41

I.

די אלטע קשיא — — — — — — 42
דער הערבסט — — — — — — — 43
זומער טעג — — — — — — — 45
אויפ'ן באנקעט — — — — — — 46
ווי א בלום — — — — — — — 47
מיר שטאמען אלע פון אן אנדער וועלט — 48
פון חדר — — — — — — — — 50
מיר בענקען — — — — — — — 51
וועלט און מענש — — — — — — 52
אויפ'ן גרינעם גראז — — — — — — 53
דוד צו אבישג השומנית — — — — — 54
א וואָרט — — — — — — — — 55
ווי לאנגווייליג — — — — — — — 56
די פּאָר — — — — — — — — 57
האָפנונג — — — — — — — — 59
צו אַ שנעעלע — — — — — — — 60
נאָך אַ מאָנטאָג, נאָך אַ דיענסטאָג... — 61

צווייטער טהייל:

טראָמפּייטען שאַלען.

טראָמפּייטען שאלען — — — — — 65
מוטער — — — — — — — — 66
איך בין זיי מקנא — — — — — — 68
מוטער און קינד — — — — — — 71
נייע איכה'ס — — — — — — — 73
דער פּוילישער טאָג — — — — — — 74
א וועלט־חלום — — — — — — — 76
א בריעף צו דער ליעבסטער — — — — 77

II.

לשנה טובה — — — — — — — 78
די געפאנגענע טויב — — — — — 81
נייע צייט רעכענונג — — — — — — 83
ביי'ם בארג סיני — — — — — 84
דער באל פון דעם זיעג — — — — 86
שפּעטער — — — — — — 89
קינדער־שפּיעל — — — — — — 90
אויפ'ן פעלד... — — — — — — 91
ווייסער טויב פון שלום — — — — 92
ארבייטסלאָזיגקייט — — — — — 94
א מלחמה־בריעף — — — — — 96
וועלט פּרושים — — — — — 99
שלח מנות — — — — — — 101

דריטער טהייל:

די היים.

פּראָלאָג — — — — — — — 107
שבת פאר נאכט — — — — — — 108
מיין היים — — — — — — — 110
די ווינד־מיהל — — — — — — — 113
פּסח — — — — — — — — 115
דאָס טייבעל — — — — — — 116
שפוך חמתך — — — — — — 117
שבת אין ניו־יאָרק — — — — — — 118
עס ציהט זיי — — — — — — 119
שטערען — — — — — — — 120
ניין, איך וועל אהיים ניט פאָהרען... — 123
אין א גאס אין מיטען שטאָדט — — 124
אין די וויסטע לענדער — — — — — 126

פיערטער טהייל:

מעשה'לעך און באלאדען.

די גאָלדענע קייט — — — — — — —131
די צויבעריןן — — — — — — 134
יוסף חסיד — — — — — — 137
דער גוטער קעניג און דאָס פאָלק — — 140
דער פערבלאָנדזשעטער מלאך — — — 143
די צוויי ראדיקאלען — — — — 147
דער איד מיט'ן קרייץ — — — — 149
די קעלנעריןן — — — — — — 151
סטרייק — — — — — — — 153
א געזאנג צו קעמפפערינס — — — 154
דער שונא — — — — — — 156

פינפטער טהייל:

אָבענד־נעדאנקען!

א קארטען־ליעדעל — — — — — 161
אין אַ פרעמדען לאנד — — — — 162
א גרוס — — — — — — 163
אין דער שפעטער שטונדע — — — 164
די נאכט — — — — — — — 165
צום רעגענדיל — — — — — — 166
ברען אוים — — — — — — 167
חלומות — — — — — — — 168
איינזאמקייט — — — — — — 169
עס דאכט מיר — — — — — 171

אווענד — — — — — — — — 172
קום שוין — — — — — — — 173
דער וואנדערער — — — — — 174
שווייג דו ים! — — — — — — 175
וואוהין — — — — — — — — 176
דער שלאָס — — — — — — 178
שאטען — — — — — — — 179
ביי׳ם וואַסער — — — — — — 181
משיח־צייט — — — — — — 183
דאָס בוך פון לעבען — — — — — 184
אַ, ביי מיין פענסטער דער בוים... — — 185
מיר דאכט זיך — — — — — — 186
אין גאס — — — — — — 187
די בלינדע ליעבע — — — — — 188
די אייפערזיכטיגע — — — — — 189
די היילונג — — — — — — — 190
דער שמעטערלינג און די בלום — — — 191
פריהלינג און ליעבע — — — — 192
דער שמעטערלינג — — — — — 193
נייע און אלטע ליעבע — — — — 194
טרוימעריי — — — — — — 195
צו איהר — — — — — — 196
רחמים — — — — — — — 197
דאך איך גלויב — — — — — — 198
פערשפעטיגט — — — — — — 199
וועם דיין הארץ — — — — — 201
דער פרייער פויגעל — — — — 202
צוויי וועגען — — — — — — 203
די יונגע מוטער — — — — — 205
דער דיכטער און זי — — — — 206

V.

אליין — — — — — — — — 208
חיי, איהר יונגע יאהרען! — — — — 209
צום מזל — — — — — — — — 211

זעקסטער טהייל:

ליעדער אלערליי.

דער רבי איז געשטארבען — — — — 215
שטאטישע פריינדשאפט — — — — — 218
אונזערע הימלען — — — — — — 219
חנוכה־פאנטאזיע — — — — — — 221
צוויי דורות — צוויי מאמעס — — — 223
די בוימער רופען — — — — — — 224
א תפלה — — — — — — — — 226
אויף די פעלדער — — — — — — 228
העלדען — — — — — — — — 230
אלטע לייט — — — — — — — 231
א תפלה — — — — — — — — 232
אלטע בריעף — — — — — — — 234
די וואג — — — — — — — — 235
דער געפאלענער שטערען — — — — 238
וועלט און זי — — — — — — — 240
דער פראפעסאר פון ליעבע — — — — 241
הערבסט־ליעדער — — — — — — 245